STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06150

DOS GETLEKHE LID

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס געטלעכע ליד

בהאַגאַוואַד-גיטאַ

פּאָעמע פון דבקות

איבערגעגעבן אין יידיש

פון

אבא קליגער

פאַרלאַג ברידער שולזינגער

ניו־יאָרק, נ. י. 1955

The Song Divine

BHAGAVAD-GITA

Ancient Hindu Poem of Devotion

Translated into Yiddish by
ABA KLIGER

Copyright 1955 *by*
A. KLIGER
3250 Coney Island Ave.
Brooklyn 35, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS.
21 East 4th St., New York 3, N. Y.
253

...מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת־דַּכָּא וּשְׁפַל־רוּחַ
לְהַחֲיוֹת רוּחַ שְׁפָלִים וּלְהַחֲיוֹת לֵב־נִדְכָּאִים.

(ישעיה נז, טו)

א שבח צו א. קארלין, רעדאַקטאָר פון „די פעדער"; צום באַוואוסטן שריפטשטעלער יצחק באַשעווים און דעם גרויסן דיכטער ה. לייוויק פאַר זייער וואַרעמער באַציאונג צום דאָזיקן זעלטענעם חבור.

צו זיי און די איבעריקע פריינט וואָס האָבן זיך אָנ'פניות'דיק באַמיט פאַרן בוך — דאַנקשאַפט און ברכות.

— א —

די שליחות פון דאָס געטלעכע ליד בהאַגאַוואַד־גיטאַ

פונם מיסטישן אָריענט זענען אָנגעקומען צום מערב־מענטש געשיכטעס פון וואונדער, טיפער חכמה, פון גייסטיק־דערהויבענע לערעס, וועלכע האָבן צעפלאַמט זיין מחשבה און אויפגעוועקט אַ טיפן און ערנסטן באַגער צווישן אַלע אויפגעקלערטע פעלקער צו באַקענען זיך מיט זיי נעענטער.

פיל פון די וויניק־באַקאַנטע און וויניק־פאַרשטאַנענע תורות, הימנען און פילאָזאָפיעס ווערן אָנגענומען אַז זיי זענען אינספירירט געוואָרן פון ז ע ע ר און ו ו י י ס ע ר צו געקליבענע תלמידים.

איינע פון אינדיעס גרויסע עפּיקס, צווישן די פאַר־הייליקטע וועדאַס, פּוראַנאַס, אופּאַנישאַדס און אַנדערע, איז די אַלטע זאַמלונג פון העראָישע געשיכטעס מיטן נאָמען „מאַהאַ־בהאַראַטאַ". די בהאַגאַוואַד־גיטאַ, ווערטער־לעך, „דאָס געטלעכע ליד", איז איין עפּיזאָד אין דער קאָ־לאָסאַלער צענויפזאַמלונג, וואָס איז מער באַקאַנט, כאָטש ניט גענוג פאַרשטאַנען, פון אַלע אַנדערע הינדו רעליגיעז־ליטעראַרישע שאַפונגען.

ס'איז דאָס טיף־מיסטישע ספר'ל פון דער הינדו אמונה, פון זייער וועלט־באַנעם און לעבנס־חכמה. די ווערטער פון דעם זענען געווען פאַר אַ הונדערט דורות, ווי זיי זענען היינט און וועלן ווייטער זיין, אַנ'אינספּיראַציע פאַר יענע וואָס בענקען, זוכן און דורשטיקן נאָך וויסן, שיינקייטן און אמת.

דער אינהאַלט באַשטייט פון לימודים וועגן דער פיל־דערמאָנטער און וויניק־פאַרשטאַנענער עסאָטעריק פון די

יאָגאַ־דרכים, אַ זייער פאַרטרוילעכע לערע וועגן די אינער־עיקרים פון הינדואיזם, דער פאַרנעם אָבער איז פיל־מער ווי דאָס.

דאָס איז ניט קיין געדאַנקענוועלט פון פלפול, שפּע־קולאַציעס, השערות און אָפּפרעגונגען. די לערעס, זייענדיק די וויסנשאַפט פון געטלעכקייטן, פונם מענטש און פונעם קאָסמאָס, איז עכט, עקזאַקט, יסודות׳דיק.

די בהאַגאַוואַד־גיטאַ איז געשריבן אידעאָגראַפיש, אין אַ מין טעלעגראַפן־שפּראַך; די ווערטער זענען בצמצום, געציילט און געוואויגן. נישטאָ דערין קיין איבריקס. אַ וואָרט נויטיקט זיך אָפּטמאָל אין גאַנצע פּאַראַגראַפן, אַ פסוק — אין ענציקלאָפּעדישע ביכער צו ווערן פאַרטייטשט, אויסגעטייטשט און דערקלערט פאַר יענע וואָס זענען דערין פרעמד. בלויז מיטן אינער־חוש קען מען עס אויפנעמען. ,די שטים רעדט צו אַלעמען, נאָר ניט יעדער איז מסוגל עס צו הערן׳.

דער תוכן פון דעם איז דאָס שליחות צום זוכנדיקן מיסטישן געמיט וואָס שטייט דערשראָקן און צערודערט אינמיט פון די סתירות אין לעבן. ער פרעגט און וויל ווערן געענטפערט. פאַר די וואָס זענען עס תופס איז דאָס וואָרט קלאָר, דורכזיכטיק, באַזעלט און קען אויך אויפגענומען ווערן מיטן שכל. ס׳איז דירעקט, פריש, א י צ ט י ק, ווי דאָס וואַסער פון אַלטע ברונעמער.

סרי קרישנא, די עמאַנאַציע פונם אַלהעכסטן פּרינ־ציפּ, די לאָגאָס־נשמה, דערשיינט אין אַ געשטאַלט צו זיין באַליבטן תלמיד און ,חבר׳ און דורך אים צו די ווייניקע יחידים וועלכע טיילן זיך אויס אין דער וועלט.

ער פירט אים בהדרגה, מיט אָפּגעהיטע טריט איבער די סודות׳דיקע וועגן פונם עסאָטערישן יאָגאַ־וואַלד צו שלמות. יאָגאַ מיינט אַחדות מיטן דערהויבענעם; דאָס

מיינט אויך שיטות פון אַ רעליגיעז־פסיכישער טבע; דאָס מיינט אויך סטעשקעס, די אופנים און הדרכה וואָס פירן צו דערלייזונג, צו דערנענטערונג מיט גאָט. יאָגאַ האָט אַ סך סטעשקעס, ווי אַ וואַלד —ביימער, ווי אַ בוים — צווייגן. אַלע קומען זיך ענדליך צענויף, פאַראייניקן זיך ווי בערג־שטיגן באַם שפּיץ און ברענגען די דערלייזטע נשמה צו נירוואַנאַ, דעם ענדליכן תכלית, די באַהעפטונג מיטן אור־קוואַל.

פון מ י ר איז נישטאָ שוין קיין העכער
און חוץ מיר איז גאָרניט און קיינער
נישטאָ־מער.

די לימודים אַפּילירן צום פאַרשטאַנד, ווידערשפּרעכן זיך ניט. דער שכל־הישר וואָס וויל דערגיין צום תוך פון די ניט־פאַרשטענדלעכע זאַכן, ווערט געפירט מיט פּאַטער־ליכקייט איבער די זעלטן־געטראָטענע וועגן, וואו האַרץ און מחשבה ווערן איינס, גייען בחברותא.

ווי ס׳נישטאָ קיין גלויביקייט אָן וויסן, אַזוי איז אויך נישטאָ קיין וויסן אָן אמונה. די ,גיטאַ׳ לערנט ניט קיין ,בייקייטן׳; ניי איז נאָר דאָס אומבאַוואוסטע וואָס ווערט באַוואוסט. נייע תורות אין דער וועלט זענען דעריבער ניט עכט און ניט זיי זענען אמת. די ,גיטאַ׳ איז עכט ווייל ס׳איז נאָבל, שיין, אינטים און רעדט פון ווערטן וואָס זענען אייביק, נאָענט און פאַר אַלע צייטן.

דאָס וואָרט, דאָס ליד, דער טאַט וואָס האָט די מעלות, טראָגט אין זיך דעם אמת.

דערפאַר איז שיין, נאָבל, נאָענט און הייליק דאָס וואָרט, דאָס ליד און דער טאַט פון חומש, פון די נביאים און פון תהילים און אויך הייליק, ווייל דאָס קומט פונם ריינעם קוואַל און דער קוואַל איז אין האַרץ, אין האַרץ איז דער אמת, אין אמת איז ג אָ ט.

די שליחות פון דער געטאָ

מענטש ווערט געפּלאָגט און געמאַטערט פון די ניט־פאַרענטפערטע קשיות אין זיין לעבן. מיר נעמען אויף די עקזיסטענץ און די אַרומיקע וועלט דורך די חושים; זיי נאַרן אָבער און צערודערן נאָכמער, ווייל זיי אַליין זענען בלינדע, הילפלאָזע, אָן שכל. גאָרניט ווייסנדיק, קענען זיי גאָרניט פאַרענטפערן און גאָרניט אויפקלערן, ווי דאָס לעמפּל קען ניט דערקלערן די ליכטיקייט וואָס שיינט אַרויס פון דעם.

די אַלע יאָגאָס פון וועלכע ס׳רעדט זיך אין דער „געטאָ״, צעשטערן די צאַמען פון דער גייסטיקער באַגרע־נעצקייט און שפּרייטן אויס דאָס באַוואוסטזיין ביז אין־סוף. האָבנדיק פאַר זיך גרענעצלאָזיקייט, פלאַטערט אויף דער גייסט ווי אַ באַפרייטער פויגל פון זיין געפאַנגשאַפט.

אינעם אין־סוף פון דער גייסטיקער אינוועלט זענען דאָ די געזוכטע ענטפערס אויף די אייביקע ניט־פאַרשטאַ־נענקייטן. די אידעלע נטיה סאַטוואַ (14־טע געזאַנג) קען אַזוי־אַרום ברענגען די נשמה צום אורקוואַל, וואו אַלע קאָמפּלעקסן צערונען.

מ׳האָט אַמאָל געהאַט אַן השערה אַז די ערד איז פלאַך, האָט מען זיך געשראָקן פאַר די מרחקים, ווייל טאָמער קומט מען צו אַ ברעג, קען מען זיך נאָך אַרונטערגליטשן גאָט־ווייסט־וואוהין. איצט ווייסט מען אַז אַלץ אַרום איז רונד, קיילעכדיק, אויבן, אונטן, אין אַלע דימענסיעס און פון וועלכער נקודה מ׳זאָל זיך ניט אַוועקלאָזן, קומט מען צוריק און אַז דאָס וואָס מען האָט אָנגענומען פאַרן סוף, איז גאָר דער אָנהויב, אָדער בעסער — דער המשך פונעם פריערדיקן.

אַזוי קומט דער מענטש צו דערקענען אַז אַלע ענט־פערס געפונען זיך ניט אין די גבולן פון זיין „פלאַכע״ עקזיסטענץ, וועלכע ער נעמט אָן ווי דער אָנהויב־סוף,

נאָר איז אומעטום אין דער אַלזייטיקער ,רונדקייט׳ פונם אין־סופיקן, קיילעכדיקן ז י י ן , פון וועלכער ער איז אַ טייל. די ,גיטאָ׳ איז דערצו געווידמעט.

יאָגאָ, איטלעכער צוויג פונעם עץ־הדעת — פון ליב־שאַפט, פון וויסן, פון מעשים, פון געזעץ, פון אַחריות — רעדט פון אַחדות אין אַלשאַפונג, פון אַחדות הבורא, פונם אַלדאָס לעבן אין פולקייט, אין גאַנצקייט, אין דער איינאייג־ציקייט, דער נשמת־כל־חי אין מענטש — אַטמאַן, וואָס ווערט ניט אויס מיטן שטאַרבן און פאַנגט זיך ניט אָן מיטן געבוירן, ווי דער שלאָף וואָס ענדערט ניט קיין נקודה, קיין תנועה אינעם מענטשן.

ווי דאָס נפש דערוועקט זיך יעדן נאָכשלאָף פריש און באַרוט, שפּינענדיק ווייטער דעם פאָדעם פון זיין פריערדיקן לעבן, אַזוי קומט ער ניי־באַגופט מיט די זעלבע נטיות, גונאַס, ווי זיי רופן זיך, און דערשיינט ווידער און ווידער, ווי אַ טייל פון אַ ראָד וואָס ווערט אַנטפּלעקט אין דער וועלט פון טאָט און באַוועגונג, וועמעס מיטפּונקט איז אומעטום און דאָס צירקל איז אין ערגעץ ניט פאַראַן. ,טויט׳, דאָס ,ניט־זיין׳ איז נישטאָ, פאַראַן איז נאָר די ענדערונג, די פאַרהוילונג, ווי די זון אין בין־השמשות פאַרהוילט זיך, פאַרגייט, אויפצוגיין ערגעצאַנדערש. זי איז ניט טויט.

אין דער אומענדליכער רונדקייט זענען דאָ די ענטפערס וואָס מענטש פרעגט זינט ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן. פאַרענטפערט ווערט דער אייביקער ,פונוואַנען־וואוהין?׳ און מער ווי דאָס: דער ,פאַרוואָס און צוליב־וואָס?׳ די מיסטעריע פון קאַרמאַ וואָס איז די סיבה פון גלגול־הנפש. דער אינטעלעקט איז עס מסוגל צו באַנעמען און דאָס ווערט דורכזיכטיק־לויטער אין ,דאָס געטלעכע ליד׳.

די שליחות פון דער געטאָ

די ,געטאָ׳ איז אַ עפּיק און דערפירט צום אַפּאָטעאָס, די דערהויבונג. מענטש אַליין איז אַ עפּיק פונעם ערשטן אויסגעשריי זיינעם אין דער וועלט, גייענדיק טריט־באַ־טריט פון שפלות צו התרוממות.

דער סיפור פאַנגט זיך אָן אין סאַמע האַרץ פון אַ מלחמה־פעלד. חיילות פיינטלעכע און פריינטלעכע, ליידנ־שאַפטלעך־צעברויזטע, שטייען אָנגעגורטע איינע קעגן די אַנדערע. ס׳איז די אייביקע דראַמע פאַרן קיום, דער קאַמף צווישן די פיזיש־מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות, צווישן דאָס גופיש־פאַרגייִנגלעכע אינעם גייסט אומפאַרגייִנגלעכן; צווישן רשעות און רחמים. ס׳איז אויך טראַגיש, מחמת די פיינטלעכע כוחות געגן וועלכע מ׳מוז קעמפן, זענען גאָרניט קיין פרעמדע, קיין אויסערלעכע, נאָר אייגענע, אינ־זיכיקע, פלייש און בלוט פון זיך, קרובים, לייבלעך־פאַר־בונדענע, קינדער פון איין שטאַם.

וואָס איז דער זין פונעם דאָזיקן קאַמף? מוז עס זיין? קען מען ניט פאַרבייגיין, אויסמיידן, זיין מן־הצד און זיך דאַמיט ניט אָנקערן?

מענטש האָט עס געפרעגט מיט הונדערט דורות פאַר דער ,געטאָ׳, ער פרעגט עס א י צ ט אפשר נאָך שטאַר־קער און אַזוי, ווייזט אויס, וועט ער עס פרעגן עד סוף־כל־הדורות.

אַרזשונאַ, תלמיד פונעם געאַכפּערטן סרי־קרישנאַ, פרעגט די דאָזיקע געוואַגטע, פון קיין שום רעליגיעזע און פילאָזאָפישע שיטה — ניט־פאַרענטפערטע קשיות צו זיין גרויסן מדריך. דאָס איז ניט דער יאוש פון קהלת און אויך ניט ספקות פון איוב; דאָס איז ניט דער פּעסעמיזם פון פאַוסט, דער ציניזם פון זאַראַטוסטראַ, די גלאָריפיצי־רונג פונעם מעפיסטאָ איבער דער מענטשלעכער הילפ־לאָזיקייט; נאָר די בחירה, דער פרייער ווילן צו דערוויסן

זיך, ווייל וואו עס איז דאָ אַ פראַגע איז אויך דאָ אַן ענטפער, ווייל לעבן בכלל און בפרט, לויט יאָגאַ, האָט אַ זין, אַ תכלית און די יצירה האָט אַ פּלאַן, אַ סדר.

ניט ביי זענען די קשיות פון אַרזשונאַ: צוואָס קעמפן און דערביי נאָכמער צו פאַרמערן דעם טרויער און פאַר־גרעסערן דעם חורבן אונדזערן? וועט דערפון די נשמה האָבן מנוחה און קריגן אַ תיקון? ער פרעגט מער ווי דאָס:

וואָס מאַכט איינעם שלעכט־זיין,
אפילו ס'איז דערווידער זיין ווילן...

אַרזשונאַ, דער אומדערשראָקענער גייסט, איז בטבע אַ קעמפער, אַ קשאַטרי פון אַ העלדנקאַסטע, אָבער דוקא ווייל ער איז עס, שטעלט ער זיך אָפּ אינמיטן שלאַכטפעלד, זעענדיק זאַכן וואָס וועקן רעוואָלט: כדי ניט אומצוקומען, מוז ער זיגן; כדי צו זיגן, דאַרף ער אומברענגען זיינע געגנער; כדי דאָס צו טון, מוז ער נוצן אַכזריות און ווי אַז ער פילט ניט צו קיינעם קיין שנאה, קיין קנאה, ער זוכט ניט קיין לאָרבערקרענץ, קיין מאַכט, כבוד, אפילו ניט פערזענלעכן וואוילזיין. מעג ער אויסמיידן זיין התחייבות? ער טראָגט אָבער די אחריות פאַר אַנדערע, ער קען עס ניט אַראָפּוואַרפן, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט דער וועלט זיינער און ניט אויסגעטיילט פון איר; מ'גלויבט אים, מ'פאַר־לאָזט זיך אויף אים, ווייל ער איז אַ מנהיג, אַליין אַ דער־הויבענער איבער זיינע מיטמענטשן. אין דער גורל'דיקער שעה, (אַלע שעהן זענען גורל'דיקע) וואַרט אויף אים זיין צוגעטיילטער חוב. ער מוז ווערן האַרט, אומפערזענ־לעך, נוצן גוואַלד; אַנטלויפן איז פּחדנות און נאָך ערגער — זינד. וואָס זאָל ער טון? ווי קען ער זיין צו זיך ערליך און ס'זאָל ניט הייסן זינד?

אַרזשונאַ, סימבאָל פונעם פאַרשנדיקן גייסט, פרעגט די אַלע אייביקע פראַגעניש, שטייענדיק פּנים אל פּנים

מיט דער גרויסער אויטאָריטעט, דעם ו ו י י ס ע ר, דעם העכסטן מאַהאַטמאַ פון יאָגאַ.

צו ענטפערן און פאַרענטפערן דאָס אַלץ און מער, איז דער ציל פון דאָס געטלעכע ליד, דערצו איז עס געווידמעט.

קרישנאַ, די פאַרקערפּערונג פונעם דערלייזטן,שלמות־דיקן גאָט־מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פון גייסטיקע עוואָלוציע דורך אַנציילקע תקופות, יוגאַס, גלגולים ; דער גרויסער אַוואַטאַר, מאַנו און משיח־גייסט, לערנט זיין באַווילדערטן תלמיד און דורך אים אַלע דורות, דאָס וויסן, די קלוגשאַפטן פון זיינע אייגענע נסיונות און אַזוי בהדרגה פירט ער אים איבער די איבער־ערדישע הייכן פון זיינע סטראַפן צו פולקייט, באַלויכטונג, אויפוויקלענדיק פאַר אים די פאַרבאָרגענישן פון דער יחידישער נשמה און די געהיימען פון אין־סוף.

די־אָ זייטיקע וועגן זענען פאַר יחידים, באַזעלטע קשאַטריס, גיבורים אַנגעשטאַלטע מיט עקשנות, אויסדויער, וואָס שרעקן זיך ניט פאַר שטרויכלען ; אַזעלכע ווילן אַליין לייזן די חידות און דערגיין צום אורקוואַל פון וויסן, די חכמה נסתרה — יאָגאַ.

וועלכע וועגן זענען עס? ווער קען זיי טרעטן בשלום און ווי אַזוי? וואוהין פירן זיי? די געזאַנגען פון דער ,גיטאַ' זינגען דאָס אויס און דערקלערן.

דאָס געטלעכע ליד איז פול מיט יידיש וויסן און חכמה, מיט יידישן בטחון, מיט דער יידישער השגה פון מידת־רחמים. דאָס זינגט אויס די משיח־אידייע. דאָס מאַכט לויטער־קלאָר דעם קשר של קיימין וואָס בינדט אַלע וועזנס פון אַלע מדרגות דורך אַלע וועלטן. ס'איז דער אייביקער אַנזאָג צום יחיד, צו פעלקער, דעם מענטשן־מין בכלל פון זייער אייניקייט און אויך איז עס אַן אזהרה אַז די וועלט איז

ניט הפקר און אַז איטלעכער איז אַ ערב פאַרן אַנדערן, כאָטש די צווייפלער ווילן זען כאָאָס צו באַרעכטיקן זייער כפירה.

דאָס געטלעכע ליד דערהויבט פונעם עפּר־ואפר דעם דערנידעריקטן און בעל־יאוש און איז זיי מגלה זייער גרויסן יחוס. די ‚גיטאַ׳ איז דאָס וויסן פונעם אייביקן און דאָס ליד פון דער אייביקייט.

— ב —

בהאַגאַוואַד־גיטא אין יידיש

דער חבור איז אָריגינעל אין דער סאַנסקריט־שפּראַך. ווי אונדזער לשון־קודש איז דאָס אויך די הייליקע שפּראַך פון די הינדוס אין וועלכע זייערע כתבי־הקודש זענען גע־שריבן און ווערט מער ניט באַנוצט אינעם טעגליכן אומ־גאַנג. אויך ווי לשון־קודש איז די שפּראַך קריפּט, קאַרג און צענויפגעפּרעסט.

סאַנסקריט־ווערטער, מחמת זיי ווערן גענוצט פאַר הויכע דערהויבענע ענינים, זענען דאַריבער מער ווי נע־מען אָנצוורופן זאַכן. זיי זענען באַגריפן, רמזים, אידייען, דערמאָנענדיק מיט זיך ווערטער פון זהר. זיי מוזן ווערן דערקלערט און אויסגעטייטשט אין די וועלטליכע לשונות.

אַלע אַנדער־שפּראַכיקע איבערזעצונגען פונעם אָרי־גינעלן טעקסט, זענען דאַריבער געמאַכט געוואָרן בשותפות מיט אַזוינעם, וואָס איז אַ בקיא אין סאַנסקריט און קלאָר, באַהאַוונט אין דער מיסטישער לערע. אפילו אַזוי, איז דער ספר באַנוצט געוואָרן בלויז פון לומדים אין די עסאָטערישע חכמות. דער כלל־מענטש האָט ניט געהאַט דערצו קיין צוטריט.

לייענען די פּאָעמע אויבנאויפיק איז ווי וועלן דערזעען אַ נעסט אין בוים, קוקנדיק אויפן וואַלד פון ווייטן. אין די עסאָטערישע שולעס איז די בהאַגאַוואַד־גיטאַ דער עיקר־קוואַל פון לימוד. אַרום דעם איז פאַראַן אַ ליטעראַטור אומגעפער ווי אַרום תנ״ך. דער הינדו־מיסטיק, ווי אַנדערע אומעטום, נוצן עס טעגליך, ווי מיר טוען עס מיטן תהילים.

בלויז יחידים מיט התמדה אין דער זייער הויכע לערע, האָבן זיך אין דעם געקענט פאַנאַנדערקלייבן.

האָבנדיק אַריינגעקוקט אין פאַרשידענע ספרים וועל־כע רעדן אין פרטים וועגן די דאָזיקע זאַכן און אויך זיך האָבנדיק באַקענט מיט פאַרשידענע טעקסטועלע איבערזע־צונגען פון געלערנטע אין די דאָזיקע חכמות, אָריענטאַלע און אַנדערע, אויך די טיף־אויפקלערנדיקע כתבים פונעם גרויסן הינדו־יאָגי וויוועקאַנאַנדאַ, איז די ,גיטאַ׳ געוואָרן דורכזיכטיק ווי אַ לויטערע מקוה. ס׳איז געוועזן דער גע־פיל אַז אַלץ דערין איז היימיש, אייגן, ווי לאַנג־פאַרגע־סענע זאַכן וואָלטן אויפגעשוואומען פון ערגעצוואו און זיך ווידערגעלאָזט דערקענען; ווי דער סאַמע תוך פון דער אידישער עסאָטעריק, פון איר באַהאַלטענער גניזה — די אמונה־מיסטעריען, זאָלן זיך האָבן אויפגעהויבן פון טיפע טיפענישן צו אַנטפּלעקן זייער אימה׳דיקן פּאַרנעם, ווייל אַנצאָל זענען די פּינקטלעכקייטן פון דיביידע אייביקע חכמות.

אַ שטאַרקע גלוסטונג האָט זיך דערוועקט איבערצו־געבן אין פול די בהאַגאַוואַד־גיטאַ אין יידיש, דאָס פּשוטע האַרציקע לשון אין וועלכן אונדזערע הייליקע אָבות האָבן תפילה געטון, געפרייט זיך, געטרויערט און זיך ממש אויס־גע׳טענה׳ט מיטן שטענדיק־דאַאיקן השם יתברך; אין וועלכן טיף־רעליגיעזע יידן זענען נתעלה געוואָרן און

אונדזער יידיש־בוך פון די לעצטע דורות האָט זיך דער־הויבן איבער עם־ולשון מיט וואָרט, בילד, געדאַנק און ליד.

בין איך זיך מודה אַז פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה האָט זיך ניט אָפּגעטון פון מיר די ציטער־ניש, דער פּחד און שטייגנדיקער יראת־הכבוד. וואָס העכער ס'האָט זיך געקלעטערט איבער די אימה'דיקע טרעפּ פון די יאָגאַ־השגות, אַלץ העכער האָבן זיך אויסגעוויזן די געבערג, די אָפּגרונטן טיפערע און ברייטערע — ניט איבערצושפּאַנען. וועט עס מיר געראָטן? האָבן טאַקע די קולטור־פעלקער, די יחסנישע, בעסערע איבערזעצונגען? די בהאַגאַוואַד־גיטאַ האָט עס פאַרענטפערט:

אַלע עובדות, די בעסטע אַפילו,
זענען איינגעוויקלט אין חסרונות
ווי פייער אין רויך.

פאַראַן שטעלן וואו ס'איז נויטיק געווען גרויס אָפּ־געהיטקייט. אַנדערע האָבן זיך געבעטן זיי קלאָרער־מאַכן און אויסשאַרפן דאָס ניט־דערזאָגטע, דאָס אָנגעווינקטע, ווייל, ווי געזאָגט, האָט דאָס לשון סאַנסקריט אַ טבע צו זיין קאַרג און שפּאָרעוודיק, אַזוי איז עס אויך אין אַלע פרעמד־שפּראַכיקע איבערזעצונגען, וועלכע לאָזן עס איבער פאַרן אינער־חוש פון לומדים. די סאַנסקריט־באַגריפן וועלכע זענען אומפאַרמיידלעך, ווי וויסנשאַפטליכע טערמינען, ווערן דאָ אַזוי איבערגעגעבן אַז זיי פאַרלירן באַלד די פרעמדקייט און ווערן אייגן, ווי אונדזער אייגענע יידיש־מיסטישע טערמינאָלאָגיע.

האָבנדיק איבערגעזעצט דאָס ווערק פון עטלעכע טעקסטן אין פאַרשידענע לשונות, אויסער סאַנסקריט, בין איך אין קיין פאַל ניט נאָכגעגאַנגען ווערטערלעך די אָפּט־אומקלאָרע טעקסטן. פאַראַן אין פיל פון זיי אַ מאַנגל אין

די גיטאַ אין יידיש

קוואַליקע זאַפטיקייט, אַנדערע מאַכן דעם איינדרוק פון רעליגיעזע טראַקטאַטן.

דאָס לויטערע יידיש־וואָרט און דער אופן פון איבערגעבן עס איז, אַזוי ווילט זיך גלויבן, אינטימער, קלאָרער, פולער און אויך איינהייטלעך־גאַנצער.

פאַרן ייד־מיסטיק, דעם יידיש פיינפילנדן גייסט, אפילו פאַרן מתמיד פון אַ יום־טוב׳דיק וואָרט, וועלן די דערהויבענע שורות פון דער אַלטער בהאַגאַוואַד־גיטאַ זיין נאָענט צום געמיט און אויך ניט פרעמד אין גייסט.

אבא קליגער

די מאַהאַ־בהאַראַטאַ און די בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די מאַהאַ־בהאַראַטאַ איז די גרויסע עפּיק פון אינדיע און אירע ראַסן דורך זייערע פיל־טויזנט־יעריקע געשיכטעס. פאַקטן מיט פאָלקס־פאַנטאַזיעס זענען ענג דורכגעוועבט און שאַפן אַ פּערספּעקטיוו פון אָריענטאַלישער פאַרבנרייכקייט, פון פּאָעזיע און רויע טאָג־טעגליכקייט. דער אינהאַלט, ווי אונדזער תנ״ך, איז ניט איינהייטליך. אין זייער אַ גרויסע טייל רעדט זיך דערין אין פּילאָרטיקע וואַריאַנטן פון אַ געוויסע מלחמה וואָס קומט פאָר צווישן צוויי קלענערע פון זעלבן שטאַם, די קורוס. דער עלטערער רופט זיך מיטן שטאַם־נאָמען — קורו; דער אינגערער ווערט אָנגערופן פּאַנדאַוואַ, פונם קיניגטום פּאַנדו. די ביידע צווייגן זיך אויס פון דער אַלטער דינאַסטיע מאַהאַ — דער גרויסער — בהאַראַטאַ.

די געשיכטעס פון דער עפּאָפּייע פאַרנעמען אַרום צוואַנציק טויזנט סלאָקאַס, עפּיזאָדן.

די בהאַגאַוואַד־גיטאַ איז איין עפּיזאָד אינם אומגעהייערן וואַלד פון דער עפּיק. וויאַסאַ ווערט אָנגעגעבן ווי דער מחבר. ווער ער איז און ווען ער האָט געלעבט ווערט אין ערגעץ ניט געזאָגט, אָבער די ,גיטאַ׳ אַלס אַ פּאָעמע, דענקט מען איז אַלט אומגעפער צווישן דריי־און־צוואַנציק און פינף־און־צוואַנציק הונדערט יאָר.

די האַנדלונג פון דער וואונדערדיקער מיסטישער עפּיק, שפּילט זיך אָפּ אינגאַנצן אויפן מלחמה־פעלד וואָס רופט זיך קורו־שעטראַ.

אַרזשונאַ, אַ מעכטיקער שלאַכטמאַן, געפינט זיך אינאיינעם מיט זיין געטלעכן לערער אינם קריגוואָגן. ער זאָגט זיך אָפּ צו פאַרגיסן ברידער־בלוט. קרישנאַ דערקלערט

די גיטאַ און מאַהאַ־בהאַראַטאַ

אים דעמאָלט די לערע פון יאָגאַ — דער שטייגער ביי־צוקומען שווערע נסיונות אָן צו באַגיין זינדיקייט.

דער הינדו נעמט ניט אויף די ,גיטאַ׳ ווי דאָס פאַר־טרויעטע וואָרט פונעם אַלהעכסטן, ווי דאָס זענען פאַר אים די לערעס פון די ווערדאַס און די אופּאַנישאַדס. ער באַטראַכט עס ווי די לערע פון באַגופטע רישיס, געטער־מענטשן, דערהויבענע גייסטער, נביאים, אילומינירטע יחידים, וועלכע יעדע תקופה ברייגנט אַמאָל מיט זיך, צו דערמאָנען און איבער׳חזר׳ן נאָכאַמאָל און ווידער די אייביקע אמתן, וועלכע ווערן פאַרקריפּלט און אינגאַנצן פאַר־געסן אין גאַנג פון דורות, ווי בערגער־קוואַלן וואָס פאַר־שווינדן, אָדער פאַראומרייניקן זיך, שטראָמענדיק אַרונטער אין די טאָלן.

דער לימוד רופט צו התעוררות.

אפשר דערפאַר איז די בהאַגאַוואַד־גיטאַ דאָס פאַר־שפרייטסטע, פּאָפּולערסטע און מער געלערנט ספר׳ל אין דער רעליגיעז־מיסטיש און פילאָזאָפישער הינדו־ליטע־ראַטור.

פאַר פיל יאָר־הונדערטער האָט דאָס געהאַט די גרעסטע השפעה אויפן גייסטיקן, קולטורעלן און אויך פּאָ־ליטישן אָרט לעבן פון די פעלקער אינעם אָריענט. אַזוי איז עס אויך ביז אויף היינטיקן טאָג.

צו באַנעמען דאָס געמיט פונעם אָריענטאַלן מענטש און בפרט פונעם אינדישן קאָנטינענט, איר עבר, איר הווה און אפילו דאָס נביאות פון איר תחית־המתים׳דיקן עתיד אַלס גרויסער, וואָגיקער כוח צווישן די פעלקער פון דער ערד, דאַרף מען לערנען און זיך באַקענען מיט איר, דער הינדו־נשמה — ,דאָס געטלעכע ליד׳.

סרי קרישנא דערשיינט ניט ווי אַ אינדיווידואַליטעט, ער איז ניט קיין אישיות, נייערט די אָפּשפּיגלונג, דער רוח־

די גיטאַ און מאַהאַ־בהאַראַטאַ

חי, דער אָטעם־אַטמאַן פון דער לאָגאָס־נשמה. אַמאָל איז ער מער ווי דאָס אפילו — ער איז אָם, בראַהמאַן, דאָס זיין־ניט־זיין, דאָס וואָס קען ניט האָבן קיין נאָמען. די לעצטע רעאַליטעט, דער שורש, אורקוואַל פון דאָס אַל־אַנטפּלעקטע און פון דעם וואָס ווערט קיינמאָל־ניט אַנטפּלעקט.

קעניג דריטאַראַשטראַ רעדט בלויז איין מאָל, אָבער זיין איינאיינציקע פראַגע עפנט די געהיימע טיר צום היכל־היכלות, פון וואַנען סע שטראַלן אויס די ליכטיקייטן וואָס בלענדן אויף אין די געזאַנגען פון דער ,גיטאַ׳, וועלכע איז איין עפּיזאָד בלויז צווישן די פיל־טויזנטער סלאָקאַס פון דער מאַהאַ־בהאַראַטאַ, אָבער פון אַ פאַרנעם וואָס איז אַלוועלטלעך, אַלצייטיק און אַלמענטשלעך.

דאַס געטלעכע ליד

בהאָגאָוואַד־גיטאָ

רעד ניט פון די־אָ הייליקייטן
מיט איינעם וואָס איז ניט ראוי,
וואָס ווייסט ניט פון נזירות,
וואָס איז ניט ריין און אָפּגעהיט
און פילט זיך ניט באַגייסטערט.

זאָלסט אויך ניט רעדן מיט אַזוינעם
וואָס איז ניט וויליק צו הערן
און זיי געוואָרנט מיטן וואָרט
פאַר דעם וואָס איז מחלל מיין נאָמען.

דאָס ערשטע געזאַנג

דער צער פון אַרזשונאַ

דריטאַראַשטראַ:

דערציֵיל מיר, אָ סאַנזשאַיאַ, וואָס האָט פּאַסירט
דאָרט, אויפן הייליקן פעלד פון די קורוס,
צווישן זיי, מיינע זין
און די זין פון פּאַנדאַוואַ?

סאַנזשאַיאַ:

זעענדיק די אַרמייען פון פּאַנדאַוואַ,
האָט געגעענט פּרינץ דוריאָדאַנאַ
צו זיין דערציִער דראָנאַ און אַזוי געזאָגט:
„באַנעם, אָ מייסטער, דעם מעכטיקן לאַגער
פון די זין פון פּאַנדו, ווי קריגספעאיק זיי זענען
און ווי מושטרירט, אונטער דער פירערשאַפט
פון דרופּאַדאַ'ס זון, דיין קלוגן תּלמיד.

„אַלע זענען זיי גיבורים, מעכטיקע בויגנוואַרפער,
באַגלייך אין העלדישקייט צו בהימאַ און אַרזשונאַ,
וויראַטאַ און דרופּאַדאַ, פונם גרויסן קריגוואָגן [1]).

„פאַראַן דאָ דרישטאַקעטו און טשעקוטאַנאַ
און דער בראַוועור פּרינץ פון קאַשי,
פּוראַזשעט, קונטיבאָזשאַ און שעיוויאַ —
דער אָקס צווישן מענטשן;

„אויך יודאַמאַנו דער גיבור
און דער העלד אוטאַמאַזשאַ,
סאַובאַדאַס זון און די זין פון דרופּאַדאַ —
זיי אַלע מיט גרויסע קריגוועגן.

1) וואָס באַקעמפט טויזנט בויגנוואַרפער.

דאָס געטלעכע ליד

„הער אויך צו, כדי ס׳זאָל דיר קלאָר ווערן,
וועגן די וואָס פירן אָן מיט מיינע חיילות:
דו אַליין, מיין האַר און בישמאַ און קריפּאַ —
דער באַרימטער שלאַכט-געווינער;

„אַשוואַטאַמאַ און וויקאַרנאַ
אויך סאָומאַדאַטי און אַנדערע גיבורים,
אַלע בראַווע העלדן מיט אויסגעפּרואוווטע כלי-זיין,
גרייט אָפּצוגעבן פאַר מיר זייער לעבן;

„דאָך פיל איך אַנגסט אַז אונדזערע מחנות,
כאָטש אָנגעפירטע פון בישמאַ אַליין,
זענען פון קלענערן באַטרעף ווי די חיילות
קאָמאַנדירט פון בהימאַ.״

כדי צו שטאַרקן זיין אייגן געמיט,
האָט דער עלטסטער פון די קורוס
גענומען שאַלן פון זיין מושלהאָרן
וואָס האָט אָפּגעהילעכט ווי אַ לייבס ברומען.

פון ביידע זייטן פעלד האָט באַלד אָפּגעענטפערט
דאָס שאַלן און טרומייטערן פון די שלאַכט-קלאַרינען,
דאָס דונערן און קלאַפּעריי פון אַלערליי פויקן
און גרויס איז געוואָרן אַרום די מהומה.

שטייענדיק אין זייער פּרעכטיקן קריגוואָגן,
מיט ווייסע איינגעשפּאַנטע פערד צעפּאַרעטע
האָט סרי קרישנאַ, דער אָנטרייבער
און אַרזשונאַ, דער זון פון פּאַנדו,
געבלאָזן יעדער פון זיין געטלעכן האָרן.

בהימאַ, דער מיט די כוחות מורא׳דיקע,
האָט אויך געשאַלט פון זיין האָרן
און אַזוי האָבן געטון יאָדישטירא,

דאָס ערשטע געזאַנג

דער פּירשטליכער זון פון קונטי,
נאַקולאַ און סאַהאַדעוואַ ;

אויך דער פּרינץ פון קאַשי
און שיקאַנדי און דרישטאַדיומנאַ
און וויראַטי און סאַטעאַקי ;
אַלע, מיט אימפּעט, גבורה און העלדישקייט,
האָבן געברילט פון זייערע האָרנס.

דער שטויב פון די קריג-וועגענער,
דער ליאַרעם און בראַזג פונם כלי-זיין,
די שנאָרכנדיקע נאָזלעכער פון די פערד
און די אויפגעשטורמטע הייסע געמיטער,
האָבן אָפּגעקלאַפּט מיט אימה אין די לייבער
פון די זין פונם קעניג דריטאַראַשטראַ,
האָבן אָנגעפילט און טויב געמאַכט די לופט,
פאַרטונקלט און פאַרדעקט דעם הימל
און געמאַכט אויפטרייסלען די ערד.

זעענדיק ווי די זין פון דריטאַראַשטראַ
זענען אַלע אָנגעגורט און גרייטע,
אַז אָט פליען שוין די טויטלעכע פיילן,
האָט אַרזשונאַ, דער זון פון פאַנדו,
אויפגעהויבן זיין בויגן מיט פאַרשטייפטע פינגער
און זיך געווענדעט מיטן פנים צו זיין פירער.

אַרזשונאַ :

אָ קרישנאַ, אומפאַרענדבאַרער,
האַלט איין מיין קריגוואָגן צווישן דיביידע לאַגערן,
וואָס שטייען דאָ אויפגערייצטע
איינע געגן די אַנדערע.

דאָס געטלעכע ליד

לאָמיך זיי אַלע זעען
געגן וועמען איך דאַרף מיך פאַרמעסטן,
וואָס האָבן זיך דאָ צענויפגעזאַמלט
אויפן באַפעל פון די פאַרדאָרבענע פירער,
די יורשים פון קעניג דריטאַראַשטראַ.

סאַנזשאַיאַ:

הערנדיק די רייד פון אַרזשונאַ,
האָט סרי קרישנאַ אָפּגעשטעלט דעם קריגוואָגן
אינדערמיט פוןביידע באַוואָפנטע מחנות
און געהייסן זיין תלמיד זיך איינקוקן
אין די רייען פון שונא,
וואו ס'זענען אומגעלאָפן צערודערטע
די הויפּטלינגע בישמאַ און דראָנאַ
און די נאָבעלע הערשער פון דער ערד.

האָט אַרזשונאַ זיך איינגעקוקט
אין די פּנים'ער פון די קריגער
און פון אַלע איבעריקע אין שונא'ס רייען
און דערקענט אין זיי זיינע קרובים,
זיינע לערער, פריינט און פאַרערטע;
באַהערשט פון צער און עצבות
האָט אַרזשונאַ גערעדט די דאָזיקע ווערטער:

אַרזשונאַ:

אָ קרישנאַ, איך זע דאָ פאַרזאַמלט
די אייגענע קרובים, חברים און פריינטלעכע מענטשן
געגורט מיט כלי־זיין און גרייט פאַר מלחמה.

די פּיס מיינע ציטערן,
די ליפּן בריען און טרוקענען,
אַלע מיינע אברים טרייסלען זיך

דאָס ערשטע געזאַנג

און די האָר מיינע שטייען פאַרשפיצטע;
פון מיין האַנט גליטשט זיך דער בויגן
און דער קאָפּ דרייט ווי אַ ווינטמיל;

איך קען ניט פאַרטראָגן
און דולדן דעם שווידער.

דאָס זענען סימנים פון אומגליק.
וואָס האָפן מיר דאָ צו דערגרייכן
און וואָס וועט שוין זיין
ווען מיר וועלן דאָ טויטן די קרובים?

אַ גאַווינדאַ [2],
וואָס דאַרפן מיר כבוד,
נצחון, אימפּעריעס און גיטער,
דאָס לעבן אפילו,
ווען אַלע אין רייען צעטיילטע —
די לערער, די טאַטעס,
די זיידעס, די ברידער,
די שוואָגערס און פעטערס,
חברים און קרובים,
משפחות און חשובע שכנים,
צו וועמען איך פיל מיך געבונדן
אין פרידן, אין פריינטשאַפט,
שטעלן איצט איין זייער לעבן
דאָס בלוט, די פאַרמעגנס, די היימען,
מיט אונדז צו פאַרפירן מלחמה?

אפילו דער זיג זאָל מיך קרוינען
פאַר הערשער אין אַלע דריי וועלטן [3],

---

2) אַלווייסער.
3) די ערדישע, אַסטראַלע און געטער־וועלט.

דאָס געטלעכע ליד

ווער איך זיי ניט ווײ־טון, פֿאַרשעמען,
בפֿרט צו דערצבערן נחלות.

אַ קרישנאַ, דו ווייסט דאָך דעם אמת,
דו הערסט אויס פֿון יעדן די תּפֿילות —
צי קען איך דען ווערן דערהויבן
דורך שענדן און הרגענען קרובים,
די פּרינצן פֿון הויז דריטאַראַשטראַ?

זיי מעגן ווי שלעכט־זיין
און ערגער,
נאָר גרעסער די זינד איז פֿון מאָרדן,
פֿאַרגיסן דאָס בלוט, וואָס איז אייגן;
און וואָס פֿאַר אַ שכר איז אין טויטן
און וואו איז די פֿרייד אין הריגות?

די בייזע, פֿאַרדאָרבענע קריגער,
זיי קומען מיט סם אין די הערצער,
זיי זענען פֿאַרבלענדעט און גיריק
און זעען קיין אומרעכט, קיין זינד ניט
אין רויבן, באַצווינגען,
קיין שלעכטס ניט אין שענדן, פֿאַרשווערן.
זיי רייסן די בענדער פֿון פֿריינט און משפּחות,
באַגייען פֿאַרראַט צו חברים.

מיר אָבער זעען מיט לויטערע אויגן
דעם חורבן און אומגליק געבראַכטן,
דעם עלנט פֿון ווערן פֿאַרוואָגלט;
ווי קענען מיר נאָכטון דאָס רשעות
און טראָגן אויף זיך דעם פֿאַרברעכן,
אַ קרישנאַ!

דאָס ערשטע געזאַנג

איך און דו, מיר ביידע
קענען דען גליקליך זיין שפּעטער,
ווערנדיק די רוצחים פון אונדזער אָפּשטאַם ?
און וואָס וועט זיין ווען זיי,
מיט די פינצטערע מוחות
און שיכור פון גלוסטונגען
נאָך מאַכט און הערשאַפט,
זען ניט די זינדיקייט
אומצוברייגנען פריינט און נאָענטע
און אויסוואָרצלען זייער אייגענעם שורש ?

איז עס ניט גענוג סיבה זיך אומצוקערן
און אויסמיידן די מוראדיקע מעשים ?
ווייל אומברייגנדיק אַ שטאַם,
ווערן אויך אָפּגעווישט אויף אייביק
די אַלטע, די הייליקע ירושות פון שטאַם און משפּחה.

מיר ווייסן דעם גורל
וואָס הענגט איבער היימען פאַרוויסטע,
פון שטייגערס, מנהגים, טראַדיציעס
וואָס ווערן פאַרלאַכט און פאַרגעסן
און אַלץ וואָס איז נאָבל און חשוב
ווערט שפּאָטיש צעטראָטן, פאַראומריינט:
די זיטן, די ווייבלעכע צניעות,
דער כבוד פון ריינע משפּחות,
דער יחום און זכר פון אָבות.

נישטאָ מער קיין ליבשאַפט און אחדות,
קיין צוטרוי, קיין שלום און שלוה;
דער פלוך פון הפקרות צערודערט,
צעקרישלט די פעסטע יסודות
וואָס האַלטן צוזאַמען און בינדן
די ערד מיטן הימל.

דאָס ערשטע געזאַנג

די האַנט פונם אַכזר
וועט קיינמאָל ניט אָפּווישן
דאָס בלוט פון רציחה, אָ קרישנאַ!
בלויז פינצטערניש, ספקות און גיהנום
וועט געוועלטיקן אין אַלע גבולן.

אָ קרישנאַ, איך בין ניט קיין מערדער!
נישטאָ קיין מחילה אין הרגענען ברידער!
צי זוך איך אין קריג מיין גדולה?

די שלעכטע, פאַרדאָרבענע פרינצן,
די זין פונם קעניג דריטאַראַשטראַ,
מעגן זיי קומען מיט בויגן און פאַנצער,
מיך שלאָגן, פאַרוואונדן, באַזיגן —
איך וועל מיך ניט שיצן,
ניט שטעלן אַקעגן — ס'איז בעסער.

סאַנזשאַיאַ:

נאָך די אָפּגעזאָגטע ווערטער
האָט אַרזשונאַ פאַרוואָרפן דעם בויגן
און געפאַלן אינם קריגוואָגן
וואָס איז געשטאַנען צווישן ביידע חיילות,
אינגאַנצן באַצווינגען פון צער און ספקות.

סוף פונם ערשטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס צווייטע געזאַנג

די יאָגאַ פון וויסן

סאַנזשאַיאַ:

גרויס איז געווען דער טרויער פון אַרזשונאַ,
זיין האַרץ איבערפולט מיט לייד און מיטלייד,
די אויגן אָנגעטרונקען מיט טרערן פון אומעט;
זעענדיק אים אין זיין שווערע באַטריבקייט,
האָט קרישנאַ, דער האַר, גערעדט די־אָ ווערטער:

סרי קרישנאַ:

פון וואַנען דער יאוש, דאָס עצבות,
די אומרו, די ספקות, די שוואַכקייט, אָ אַרזשונאַ,
ווען א י צ ט ווערט באַשיידן דיין גורל?

די ערליכע, בראַווע וואָס זוכן אַ נאָמען,
באַלוינונג אין הימל להבא,
פאַראַכטן אַזאַ מין באַנעמונג.

ניט לאָז דעם געמיט דיך באַהערשן,
באַצווינג איצט דעם טרויער און אומעט —
זיי זענען ניט־פּאַסיקע מידות, אָ פאַראַנטאַפּאַ[1];
שטיי אויף און פאַרניכטע דאָס רשעות!

אַרזשונאַ:

ווי קען איך באַגעגענען מיט טויטלעכע פיילן
די נאָבעלע זקנים בישמאַ און דראָנאַ?
אָ קרישנאַ, זיי זענען פון יעדן געאַכטעט.

און זאָל איך זיי טויטן,
צי וועט עס מיר ליב־זיין

1) מעכטיקער אָרעם.

דאָס געטלעכע ליד

און ווען איך געדייען דאָס רויב פון מלחמה ?
שוין בעסער דער ביסן פון בעטלער,
ווי זינדיקער וואוילזיין.

איך ווייס ניט וואָס בעסער —
פאַרלירן די קריג צי געווינען.

דריטאַראַשטראַס יורשים
פאַרשפרייט צווישן פיינטלעכע רייען,
אפילו זיי זאָלן דאָ ווערן דער'הרגעט,
וועט אונדז מער ניט איינגיין דאָס לעבן.

צי איז דאָס רחמנות,
צי בלויז נאָר אַ דאַכטונג, אָן אויסרייד ?
אין פינצטערניש וואַנדערט מיין מוח —
וואו ליגט מיין התחייבות [2] ?

דערקלער מיר, דיין גלויביקן תלמיד,
אַ קרישנאַ, ווי זאָל איך מיך פירן;
און זאָג עס, איך בעט דיך,
אַזוי איך זאָל עס קענען באַנעמען
און זעען דעם וועג פון גערעכטקייט.

אַפילו צו טראָגען אין הערשאַפט
אַליין איבער ערדישע לענדער
און ווערן געקרוינט פון די געטער,
וועט בלייבן דער טרויער, דער יאוש
וואָס פרירט מיינע חושים.
סאַנזשאַיאַ:
אַרזשונאַ, דער זיגער, באַצווינגער פון שונאים,
האָט אָפּגעערעדט פאַרן געטלעכן גאָווינדאַ

2) דהאַרמאַ, מאָראַלע רעכט.

דאָס צווייטע געזאַנג

די ווערטער פון זאָרג און פאַרענדיקט:
,איך וועל דאָ אויף קיינעם ניט קריגן!'
און געוואָרן פאַרשוויגן.

צו אים, דעם פאַרזונקענעם אין קומער
אינדערמיט פון די קריגערישע מחנות,
האָט קרישנאַ, דער האַר איבער חושים,
פילדייטיק געשמייכלט.

סרי קרישנאַ:

דו טרויערסט דאָרט
וואו סע דאַרף ניט זיין קיין טרויער
און ניט דו האָסט אויך וועמען צו באַקלאָגן
און כאָטש דיין ריידן איז פאַרשטאַנדיק,
איז עס אויסגעהוילט פון חכמה,
ווייל חכמים מיט קלוגשאַפט אין האַרצן
באַקלאָגן ניט די לעבעדיקע
און באַוויינען ניט די טויטע.

ס'איז נאָכניט געווען אַזאַ צייט
אַז איך, דו און די אַלע מענטשן
זאָלן ניט האָבן ווען געווען שוין
און קומען וועט ניט קומען
איצט, צי שפּעטער,
די ענד, דער אויסלאָז
פון מיר, פון דיר — פון אַלע.

דער וואוינער אין קערפּער
דאַרף דורכגיין די קינדהייט,
די יוגנט, די עלטער
און נאָכדעם פאַרבייט ער
דעם גוף פאַר אַ צווייטן;

דאָס געטלעכע ליד

דאָס ווייסן די ו ו י י ס ע ר
וואָס ווייסן ניט מער פון קיין עצבות.

די קעלט און די וואַרעמקייט,
די פרייד און די ליידנשאַפט
וואָס מ׳פילט דורך די חושים —
זיי קומען און פאַרגייען
און געדויערן אַ ווײַלע ;
דו דאַרפסט עס אָננעמען פאַר ליב
און דולדן, אַ בהאַראַטאַ.

דער לויטערער גייסט נעמט־אויף מיט שלוה
דעם צער און פאַרגעניגן,
ער ווערט ניט צעמישט פון די ביידע —
נאָר אַזוינער איז אומשטערבלעך.

וואָס איז וועט ניט אויפהערן זיין
און וואָס איז־ניט וועט קיינמאָל ניט ווערן ;
דעם דאָזיקן אמת האָבן באַשטעטיקט
אַזוינע וואָס ו ו י י ס ן.

דער תמצית פון שאָטנס
וואָס פילט אָן די וועלטן
און דרינגט־דורך די גאַנצע אַלשאַפונג —
דאָס לייזט זיך ניט אויף,
פאַרגייט ניט.

קיין כוח, קיין מאַכט קען ניט בייטן
וואָס ווערט ניט געביטן, פאַרענדערט.

ס׳איז קלאָר אַז ס׳שטאַרבן די גופים,
נאָר דאָס וואָס באַלעבט זיי — פאַרגייט ניט,
דאָס ווייסט ניט פון אומקום, ס׳איז אייביק,
דאַרום, גורט זיך אָן, אַ פאַראַנטאַפאַ.

דאָס צווייטע געזאַנג

אַזוינע וואָס זאָגן אַז דאָס וואָס איז אייביק,
אומשטערבלעכער **אַטמאַן** [3],
קען שטאַרבן און ווערן דער'הרג'עט,
אַז ס'קען אויך דערשלאָגן און מאָרדן,
זיי פּלאַפּלען אומוויסנד, פאַרשטייען קיין זאַך ניט;

ווייל ווי קען מען טויטן דאָס **לעבן**
און ווער זאָל עס טויטן?
און ווי קען דאָס זיין און ניט־ווערן?

דאָס האָט ניט קיין אָנפאַנג, קיין אויסלאָז,
דאָס ווערט ניט געבוירן און שטאַרבט ניט,
ס'איז אוראַלט, פאַראייביקט אין אייביק,
וואָס ווערט ניט פון ענדער פאַרענדערט
און ליידט ניט דעם טויט פון באַגופטע.

אָט־**דאָס** אינעם גוף וואָס געבערט ניט,
וואָס שטאַרבט ניט, אָן אָנהויב, אין־סופיק
און קיינמאָל ניט מינער, ניט אַנדערש —
ווי קען עס דען טויטן,
צי זיין פון הריגות די סיבה?

דער קערפּער בייט איבער מלבושים,
דער תושב אין דעם בייט אויך זיינע היימען,
דערווייליקע דירות, פאַר אַנדערע, פיינערע גופים —
ווי קליידער.

אים קען קיין כלי־זיין ניט וואונדן,
קיין וואַסער פאַרשווייַנקען,
קיין פייער פאַרברענען,
קיין ווינט ניט פאַרוועלקן —
אַזוי איז די טבע פון אַטמאַן.

---

3) דער גייסט אומשטערבלעכער, די נשמה.

דאָס געטלעכע ליד

אַט־דער וואָס ווערט ניט
פאַרשוויינקט און פאַרוואונדעט,
פאַרברענט און פאַרטרוקנט —
איז דאָס ה אַ ר ץ און דער ת ו ך,
אויך דאָס אינערלעך־זיין פון די וועזנס,
פאַרגרונטעוועט אין אייביק.

דאָס קען ניט באַנעמען
דער מענטש דורך די חושים
און אויך ניט דער שכל;
דאָס לאָזט זיך ניט טייטשן;
אַ אַרזשונאַ, דאָס ווּיסנדיק,
טוסטו ניט גוט וואָס דו טרויערסט.

אפילו זאָלסט מיינען אַז דאָס
וואָס איז אַטמאַן,
ווערט אויך דאָ ווי יעדער געבוירן
און גייט־דורך ווי יעדער דאָס שטאַרבן —
אויך דעמאָלט ניט פיל קיין באַדויער;

ווייל יעדער באַגופטער מ ו ז שטאַרבן
און ווידער דורך ווייען געבוירן;
באַקלאָג־ניט וואָס איז אומפאַרמיידלעך.

די נאָך־ניט פאַרקערפּערטע וועזנס
קענען ניט ווערן באַנומען פון חושים,
די גופישע חושים;
דורך געבורטשאַפט דערשיינען זיי
אין אַ מענטשלעכן פורעם
און באַלד נאָכן שטאַרבן
ווערט ווידער דאָס נפש
דערלייזט פון זיין קערפּער,

דאָס צווייטע געזאַנג

ווי איינער ווערט פריי פון פענטן —
צי איז דאָס אַ סיבה פאַר עצבות ?

פאַראַנען אַזעלכע וואָס האָבן געזעען דעם אַטמאַן,
געבליקט אינעם וואונדער און פאַרשטאַנען ;
אויך אַנדערע פאַראַן וואָס רעדן פונם וואונדער
און יענע וואָס הערן עס אויסדערציילן,
כאָטש זיי שטוינען פון די וואונדערדיקע זאַכן,
פאַרשטייען ניט דעם מיין פון די ווערטער.

דער אַטמאַן פאַרקערפּערט אין מענטשן,
ווייסט ניט פון אויפלייז און אומקום, אַ בהאַראַטאַ,
דעריבער, באַדויער ניט קיינעם.

דו פון דער קריגערישער קאַסטע,
האָסט דיין אַחריות און פליכטן,
וואָס ווארטן פאַר דיר אויפן נאָבעלן קאַמפּס-פעלד ;
ניט וואקל, אַ מעכטיקער קשאַטרי [4] —
דיין קאַמף איז באַרעכטיקט, אויך הייליק.

אַנטלויפסטו פון דאָס אומפאַרמיידלעכע
און לאָזט ווי אַ פּחדן דיין התחייבות צו יענעם,
ועט שווער־זיין די וואָג פון דיין זינדיקייט,
וואָס פאַרדינט ניט קיין סליחה.

וועסט ווערן פון יעדן געמיטן,
דערמאָנט בלויז צו שלעכטס
פאַר די שפּעטערע ציטן ;
אַזוינעם וועמען מענטשן געטרויען,
באַערן און גלויבן,
איז ליבער דער טויט ווי פאַרשעמונג.

---

4) קריגסמאַן.

די עלטערע חשובֿע קריגסלייט
וועלן רעדן פֿון דיר מיט בזיון,
זיי וועלן עס רופֿן פּחדנות —
ניט וויסן די אמתע סיבה.

די שונאים וועלן שפּרייטן רכילות
און אויסלאַכן דיין מוט און גבורה —
נישטאָ נאָך קיין גרעסערער ווייטיק.

דיין שכר נאָכן טויט איז אין הימל,
אין זיג זענען דיינע די לענדער;
שטיי אויף און באַהערש דיך,
ווייל דאָס איז דיין אייגן התחייבות,
אָ זון פֿון קונטי!

נאָר ווייס אַז דו טאָרסט ניט
זיך פֿרייען, באַקלאָגן
אין עונג, אין ווייען,
אין גליק און אין אומגליק,
אין זיג און אין דורכפֿאַל;
זאָלסט אַלצדינג אויפֿנעמען
מיט אַ גלייכגילט געמיט.

פֿאַרשטייף די גאַנדיוואַ און קעמף [5])!
דאָס איז ניט קיין זינד און קיין אומרעכט.

* * *

איך האָב דיר אויפֿגעקלערט
די טבֿע פֿון דעם וואָס איז אַטמאַן,
ווערליק די לערע פֿון סאַנקיאַ [6]);
איצט וועל איך דיר קלאָרמאַכן

5) שיסבויגן.
6) אַ סיסטעם פֿון דער הינדו־פֿילאָזאָפֿיע וועגן דער גייסטי־קער עוואָלוציע פֿון מענטשן.

די יאָגאַ פון קאַרמאַ [7]:
די גלוסטונגען און פאַרלאַנגען
וואָס בינדן דעם מענטשן
און פּענטן זיין ווילן;
אויב דו וועסט עס קענען באַנעמען,
ווערסטו ווערן באַפרייט פון די יאָכן.

דער אָנרעג פונם אויפגעוועקטן ווילן
וועט שוין קיינמאָל-ניט איינדרימלען,
ניט צערונען, ניט פאַרלוירן ווערן
און זיך אויך ניט פאַרענדערן;
דער מינדסטער באַמי צו דערהויבונג,
פאַרהיט פון דיליידן אינעם ראָד
פון געבוירן און שטאַרבן.

איינגעשטעלט און אויסגעשפּיצט
איז דער רעיון פונעם קלאָרן שכל,
אָ, פרייד פון די קורוס,
פילצווייגיק און צערודערט אָבער
זענען די אומזיכערע געדאַנקען —
זיי צעוויגן זיך און פּלאָנטערן.

נאַראָנים פאַרדעקן די אייגענע פּוסטקייט
מיט הויכע מליצה און בלומיקע פראַזן
אַרויסגענומענע פון די וועדאַס [8].

זיי זאָגן מיט אָנשטעל: „אַזוי שטייט געשריבן
און מער איז נישטאָ וואָס צו וויסן׳;
זיי וואַרפן זיך מיטן וואָרט ניט-פאַרשטאַנענעם,
וואָס איז אויסגעריסן פונעם האַרצן.

---

7) מעשים וואָס זיינען די סיבות פון ווידערגעבוירן.
8) די כתבי הקודש פון די הינדוס.

זיי זענען געפאַנגענע פון תאוות
און טראַכטן נאָר דער עיקר פון גן־עדן ;
פאַר זיי איז דאָס ווידערגעבוירן
אַן אָנרייץ פאַר כבוד און גדולה.

זיי פאַרגרייטן זיך מיט ריטואַלן
און פייערלעכע צערעמאָניעס
און הבטחות וואָס זיי טיילן פאַנאַנדער
צו קריגן השפעה און לעבן אין וואוילטיק.

די וואָס יאָגן זיך נאָך תענוגים
און האָבן ניט קיין געזעצטע מחשבות,
נאָר טראַכטן צעמישטע געדאַנקען,
באַנעמען ניט דעם קלאָרן פאַרשטאַנד
און שפּעטן אָפּ פונם לויטערן שכל,
וואָס פינקלט אין הארץ פון אַלע זאַכן
צו באַלייכטן זיי און דערגרונטעווען
און וואָס ווערט ניט צעוויגט און פאַרבלאָזן.

די ווערדאַס רעדן פון די דריי גונאַס [9]
וואָס זענען אין דער טבע פון מענטשן ;
אָ אַרזשונאַ, באַקעמף זיי עקשנות׳דיק
און אויך פון די סתירות באַפריי דיך [10].

באַגער ניט דאָס וועלטלעכע עשירות
און וואַך ניט איבער דעם מיט אייפער,
נאָר האַלט איין אין זיך די פאַרלאַנגען
און זוך דיין מנוחה אין אַטמאַן.

---

9) נטיות : סאַטוואַ — גליק ; ראַזשאַס — אומרו ; טאַמאַס — טעמפּקייט.

10) אָרעם־רייך ; טרויער־פרייד.

דאָס צווייטע געזאַנג

די פולע פאַס וואַסער איז איבריק
ווען אַלץ אַרום דיר איז פאַרטרונקען,
אַזוי זענען איבריק אַלע ווערטער
פאַר דעם וואָס איז אינער־באַלויכטן.

די מיאונג אַליין איז דער עיקר;
די פרוכט פון דיין האַנדלונג זאָל קיינמאָל ניט ווערן
די סיבה וואָס שטויסט דיך צו מעשים;
אויך טאָר מען ניט פויל־זיין.

זיי פלייסיק און מיזאַם, אַ ארזשונאַ,
און טו עס אין נאָמען פון אַטמאַן,
דערוויטערט פון ערדישע גלוסטן.

געמיטלעך, באַרואיקט, בנעימות
אין פריינטשאַפט, אין פיינטשאַפט,
אין רחבות, אין ענגשאַפט,
אין פריידן, אין זאָרגן —
די־אַ זעלישע גלייכוועכט הייסט יאָגאַ.

די טואונג וואָס זוכט פאַר זיך גרויסקייט
און האָט ניט קיין ריינע כוונות,
צערודערט דאָס הארץ, די געדאַנקען;
באַמי דיך מיט אַ רואיק געמיט
און פריי פון באַגערן און קנאה,
וועסטו זען מיט דיין לויטערן שכל
דעם אמת׳ן זין פון די זאַכן.

די האַנדלונג פון יענע מיט זעלבזיכט
וואָס מאָנען פאַר אַלץ וואָס זיי טוען —
איז ווערטלאָז און פול מיט בזיון.

באַהאַלטן אין בראַהמאַן [11],
הכנעה׳דיק, שטיל און באַשיידן —
אַזוינער וועט לויז ווערן פון די בענדער
וואָס בינדן צו ערדישע מעשים.

דאָרום, אַ אַרזשונאַ, ווער איינגעזעסן אין יאָגאַ [12]
וואָס ברענגט אַ דערלייזונג פון ווייען.

ווען דו אין מחשבה,
וואָס וואַנדערט נאָך אום אין דער פינצטער,
וועסט ווערן געריניקט פון דאַכטן געמיינטע,
דערווייטערט פון אַלע גענאַרטע אילוזיעס
און ווערן דערהויבן צו גלייכגילט,
וועט מער דיר ניט אָנגיין דער פלוידער פון ווערטער
וואָס הערט זיך און וועט זיך נאָך הערן;

ווען דו אין מחשבה, וואָס איז איצט צעטומלט
פון ספרים, ויכוחים און דרשות,
וועסט זיין ווי אַ פעלז אומבאַוועגלעך
אין טיפער באַטראַכטונג פון זאַכן אַנטפּלעקטע [13],
וועסטו האָבן דערלאַנגט צו די הויכן
פון אחדות מיט אַטמאַן [14].

אַרזשונאַ:

אַ קעשאַוואַ [15],
ווי קען מען דערקענען אַ מענטש
וואָס באַהעפט זיך מיט גאָר זיין געמיט,
מיט זיין האַרץ אינם גייסט אַלהעכסטן?

---

11) גאָר העכסטער פרינציפ; דער אור־אַטמאַן.
12) דער וועג צו שלמות.
13) סאַנסקריט, סאַמאַדהי — אַבסטראַקט דענקען.
14) מיטן אומשטערבלעכן עגאָ.
15) צעשטראַלטער.

דאָס צווייטע געזאַנג

ווי פירט ער זיך אויף מיט זיין לשון,
זיין זיצן, זיין אומגיין?

סרי קרישנאַ:
ווען איינער ראַמט אויס פון זיין האַרץ
יעדע גלוסטונג נאָך ערדישע זאַכן,
ער צאַמט די פאַרלאַנגען וואָס געבן קיין רו ניט
און ווידמעט זיין לעבן צו אַטמאַן —
אַזוינער איז קלוג און באַלויכטן.

ווער ס'פילט ניט קיין שרעק פאַר יסורים
און האָפערט ניט אויף פון הצלחה,
ער וויסט ניט פון אויפרעג, פון אומרו —
אַזוינער איז קלוג און באַלויכטן.

ווער ס'איז ניט צו קיינעם געבונדן
און טויב פאַר רכילות און שבחים,
ער האַלט אָן די גלייכוועכט
אין פריידן, אין זאָרגן,
באַהערשט אין די פאָרן פון סתירות —
אים רוף איך באַלויכטן.

ווער ס'קען די געפילן באַהאַלטן,
זיי צוריקציען פון זאַכן וואָס רייצן,
ווי ס'ציט איין די טורטל
אין זיך אַלע אברים —
אַזוינער איז קלוג און באַלויכטן.

אַ מענטש קען זיך האַלטן דערווייטערט
פון בלענדיק-אַרומיקע זאַכן,
וואָס צויבערן, ציען און רייצן,
אין האַרץ אָבער מאַטערט די גלוסטונג;
נאָר דער האָט איבער זיך די ממשלה
וואָס טראַכט מיטן האַרץ אין אַלהעכסטן.

דאָס געטלעכע ליד

אַ זון פון קונטי,
די גיריקע חושים אפילו אין יענעם
וואָס גייט מיט זיין גאַנג אָפּגעהיטן,
זיי ברויזן, צעטומלען און קענען פאַרפירן,
דאָס שטילע געמיט אים צעטרייסלען.

נאָר ווער ס'פאַרקלעמט זיי, באַצווינגט זיי,
דערהויבן, באַזעלט און געלייטערט
און זעט מיך צעשטראַלט אין מחשבה —
אַזוינער איז קלוג און באַלויכטן.

דאָס טראַכטן פון וועלטלעכע זאַכן
דערוועקט צו די זאַכן אַ בענקשאַפט;
פון בענקשאַפט צעפלאַמט זיך די גלוסטונג,
פון גלוסטונג קומט אויפרעג און אומרו,
פון זיי קומט די בייזקייט, דער צאָרן;
פון דעם ווערט צערודערט דער מוח,
דאָס פירט צו שגעון, אַ לעבן פון אומזין —
די ענדע איז אומקום.

ווער ס'האָט איבער זיך די ממשלה
און ווערט ניט צעמישט און פאַרלוירן
אינמיט פון די זאַכן וואָס רייצן,
נאָר גייט אַ באַזעלטער מיט שלוה —
מיט אים איז די ברכה פון פרידן.

ער פילט ניט די לאַסטן פון אומעט
און ווערט ניט געקלעמט פון יסורים —
דאָס פולע געמיט זיינס איז פריי און באַרואיקט.

צערודערט פון הפקר־געדאַנקען
וואָס יאָגן זיך ווילד אין זיין מוח,
ווי קאָן ער גאָר אָנען פון אַטמאַן

דאָס צווייטע געזאַנג

וואָס וואַכט אין דער שטיל פון זיין וועזן?
צעקריגט און פאַרטומלט, אָן שלום, אָן שלוה,
ווי קען מען זיין גליקלעך?

אַזוינער מיט גיריקע חושים,
באַוועלטיקט פון דרויסיקע זאַכן
וואָס רופן, גענאַרן, פאַרבלענדן,
מיט האַסטיקע, ראַשע געדאַנקען —
איז גלייך ווי אַ שיפל אין שטורעם
אָן זעגל, אָן רודער, אָן קאָמפּאַס.

אַ פאַראַנטאַפּאַ,
ווער ס'באַהיט זיך אין דער וועלט
פון איר אומרו וואָס געוועלטיקט,
פון די גלוסטן וואָס פאַרצערן —
איז קלוג און באַלויכטן.

די העלע מחשבה וואָס שיינט מיט ווי ס ן
איז פינצטער פאַרן פּשוטן מענטשן,
זיין טאָג וואָס וועבט זיך פון חלומות
איז נאַכט פאַר די אויגן פון זעער.

דער ים וואָס טרינקט פון די אייגענע קוואַלן,
שפּאַנט קיינמאָל־ניט איבער זיין שוועל
און ער ווערט ניט פאַרטרונקען
פון די שטראָמיקע טייכן, וואָס איילן זיך
אַריין אין אים פון אַלע זייטן;

אַזוי ווערט קיינמאָל־ניט
פאַרפּלייצט און צעפּינעט
פון די אַרומיקע געוויטערס
דאָס שטילע געמיט

וואָס איז אָנגעטרונקען־פול
פון די אייגענע געלייטערטע קוואַלן.

אַנדערש איז דאָס מיט יענע
וואָס טרינקען אומבאַרעכנט
פון אַלע גלוסטנדיקע בעכערס
און ווערן אין זייער שוימיקייט דערטרונקען.

ווער סע צאַמט־איין די הפקר׳דיקע חושים,
זיין בענקעניש נאָך אָפּגענאַרטע זאַכן,
זיין יאָגן זיך נאָך גרויסקייט,
ער מיידט אויס די שיין פון זיין כבוד,
זיין רום, זיין באַדייטונג —
מיט אים איז די ברכה פון שלום.

אַ אַרזשונאַ, ער קלעטערט די הייכן אַלהעכסטע
און דער וואָס דערגרייכט זיי — איז שטראַליק,
דערהויבן צו הויכע מדרגות,
ער איז ו ו י י ס ע ר און ז ע ע ר.

ער קען שוין ניט שטרויכלען;
אפילו אין דער שעה פון זיין שטאַרבן
פאַרלירט ער ניט די קלאָרקייט פון זינען;
ער ווערט גערופן אַ דערלייזטער
און איז אויף תמיד פאַראיינט אין נירוואַנאַ[16].

סוף פונעם צווייטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

---

16) אורקוואַל. העכסטע מדרגה.

די יאָגאַ פון מעשים

אַרזשונאַ:

אויב ווײסן איז העכער פון מעשים,
ווי דו לערנסט מיר, אָ קרישנאַ,
ווי קענסטו מיר אָנרעדן אָפּצוטון
גרויליקע זאַכן?

אַז איינס פאַרלייקנט דאָס צווייטע,
צעמישט עס אין מיר די געדאַנקען;
דערקלער מיר צו ווײסן אויף זיכער
דעם וועג צו דערלייזונג.

סרי קרישנאַ:

דער וועג אין דער וועלט איז צווייפאַכיק,
דאָס, אָ תמימות׳דיקער, איז מײַן לערע —
ס׳איז איינער די יאָגאַ פון ווײסן [1],
דער צווייטער — די יאָגאַ פון מיאונג.

אַזוינער וואָס ווירקט ניט,
וואָס טוט זיך ניט מיען,
קען קיינמאָל ניט פריי־זײַן,
ניט ווערן דערהויבן.

ס׳איז סײַ־ווי נישטאָ קיין מינוט פון מנוחה,
ווייל יעדער איז הילפלאָז געטריבן צו מעשים
דורך כוחות צעפּלייצט אין זײַן טבע [2].

---

1) יאָגאַ מיינט דאָ אַ שיטה, אַ דרך.

2) מ׳מיינט די עמאָטיווע און מענטאַלע אומרו, באַוואוסטזיניק און ניט־באַוואוסטזיניק.

דערווידער צו פּראַקטישע זאַכן
נאָר תמיד פֿאַר׳חושט אין עסקים,
אַזוינער לעבט פֿאַלש און גענאַרט זיך.

בלויז דער וואָס באַצווינגט מיט זיין ווילן
די חושים צעברויזטע, אַ אַרזשונאַ,
און זוכט ניט אין אַרבעט דעם עיקר,
— נאָר ווירקט מיט התמדה, אָן פּניות
איז חשוב.

זיי פֿלייסיק אין מעשים,
ס׳איז נוצלעך און ווערדיק
און העכער, דערהויבן פֿון עצלות;
דעם פֿוילן איז שווער צו פֿאַרטראָגן
זיין אייגענעם חומר.

די וועלט איז געשאַפֿן דורך מעשים,
זי איז אויך אין מעשים פֿאַרוויקלט;
נאָר פֿריי איז די ווידמונג פֿון מיען
געאָפּפֿערט מיט ליבשאַפֿט, אַחריות,
וואָס קומט ווי דער רעגן צו פֿעלדער;
אַזוי זאָל זיך מיען דיין לעבן
און טראַכט ניט פֿאַרוואָס און פֿאַר וועמען.

אין אור־אור פֿון צייטן,
ווען ער וואָס האָט אַלץ אויסגעטאָטעמט,
געשאַפֿן דורך מיען און מעשה
די ווערקשאַפֿט פֿון וועלטן און מענטשן,
פֿאַרגרייט פֿאַר די וועזנס דעם קיום,
געזאָגט האָט דער געבער פֿון לעבן:

„אַזוי זאָלט איר אַרויסברייגגען שפֿע,
אַזוי זאָלט איר האַנדלען און ווירקן

דאָס דריטע געזאַנג

צו כפלען, פאַרמערן די זעטן
זיך קרעפטיקן, שפייזן און דערנערן;
אַזוי זאָלט איר דינען די דעוואָס[3]
און זיי וועלן תמיד אייך העלפן.

„באַערט און באַדאַנקט זיי,
זיי וועלן אייך אַכטן דערפאַר
און געדענקען, באַצאָלן מיט חסדים;
דערמאָנט זיי מיט כבוד.

„די ליכטיקע וועזנס, די דעוואָס,
באַדאַנקט פאַר די ברכות
וואָס קומען פון די הימלשע מיען,
זיי וועלן אייך אויסהערן
און אויספילן אַלע בקשות
און געבן אייך פריד און מנוחה".

אַ גנב איז דער,
וואָס איז נהנה פון געטלעכע מעשים
און דאַנקט ניט אַפילו.

די געטער באַלוינען די גוטע וואָס ווייסן עס
און בענטשן זיי פאַר דער דאַנקשאַפט;
די גופישע ברואים וואָס לעבן צוליבן עסן
און רייצן נאָך די מאָגנס מיט שאַרפע געווירצן
און געבן קיין טראַכט ניט ווי אַלץ איז געקומען —
זיי דערנערן זיך פון גזילה.

פון שפייז דערהאַלט זיך דאָס לעבן,
די נאַרונג צעוואַקסט זיך פונם רעגן
באַוויליקט פון די הימלשע מיען.

---

3) דערהויבענע וועזנס וואָס טוען דעם געטלעכן רצון.

דאָס געטלעכע ליד

אַזוי איז דער סדר פון קיום
זינט מעשי־בראשית און פריער,
ווייל גאָר דער מקור פון מעשים איז **בראַהמאַן**
וואָס איז אומפאַרגיינגלעך, דער אייביקער־אייביק,
און איז קיינמאָל ניט אַנדערש,
וואָס איז אינם תוך פון די וועלטן
די מי און דער אָפּפער.

ווער ס׳לעבט אָן אחריות
און יאָגט זיך אַרום אין הפקרות,
פון תאוות באַהערשט און צערודערט,
אַ אַרזשונאַ, ער פּטרט אומזיסט זיינע יאָרן.

מיט שלוה אין זיך און באַהויכט אינם וועזן
וואָס לעבט מיטן חסד פון געטלעכע מיען —
אַזוינער איז פריי און מער ניט געבונדן צו קאַרמאַ [4]).

ער האָט שוין ניט וואָס צו געווינען פון מעשים
אויב האַלט ער זיך אָפּ, וועט ער גאָרניט פאַרלירן;
זיין שליחות פאַרענדיקט,
פון ערדישע בענדער — אַ פרייער.

אַזוי זאָל דיין האַנדלונג מיט ריינע כוונות
נאָר קומען געאָפּפערט פון האַרצן
און לויז פון די קייטן וואָס שמידן צו טאָטן —
דאָס פירט צו דערלייזונג, אַצילות.

יאַנאַקאַ און אַנדערע תלמידים
זענען געלייטערט געוואָרן דורך מעשים;
אַזוי זאָלסטו שפינען דיין גורל
צו ווערן אַ ביישפיל פאַר אַלע,
ווייל יעדער וועט נאָכגיין אַ העכערן וועזן,
זיין וועג און זיין חכמה.

4) חשבון־הנפש. מאָראַלישע התחייבות.

דאָס דריטע געזאַנג

אַ אַרזשונאַ, באַטראַכט נאָר —
איך בין ניט געבונדן צו מעשים;
אין אַלע דריי וועלטן נישטאָ איז אַ עפּעס
וואָס איך זאָל ניט האָבן
צי עפּעס נאָך דאַרפן דערגרייכן,
דאָך בין איך אין האַרץ פון די מיען;

און זאָל איך אַפילו ניט זיין
אין דערמיט פון די שטענדיקע פלייסן,
דער מענטש וואָלט מיר אַלץ נאָכגעגאַנגען,
אַ אַרזשונאַ.

ווען ניט מיין השגחה
וואָלטן חרוב געוואָרן די וועלטן,
וואָלט געקומען אַ צעמישונג פון מענטשן,
אַ כאַאָס אין סדר, אַ תהו־ובהו
און מ י י ן וואָלט געווען די אחריות.

דער מענטש אין דער וועלט איז פאַרטראָגן
און טראַכט פון זיין מזל, הצלחה;
דער חכם באַהאָפטן מיט אַטמאַן,
געהייליקט אין ערלעכע מעשים,
שפּאַנט עניוות׳דיק אויפן וועג פון התחייבות.

דער באַזעלטער, אויפגעלויכטן מיט וויסן,
איז פון מיר אַ צעשפּיגלטער אָפּשיין,
ווייל יעדער וואָס מערקט אים — דערזעט מיך.

זאָל ער דאַריבער ניט צערודערן
די מוחות פון אומוויסנדיקע,
וואָס זענען איינגעקנוילט אין טואונגען,
נאָר הייליקן זאָל ער זיינע מעשים
און ווערן דורכדעם אַ ביישפּיל פאַר יעדן

ווי מ׳קען זיך אין מיאונג דערהויבן ;
ווייל אַלע טאַטן קומען פון דער נטיה,
וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער טבע.

אַ מענטש וואָס איז טעטיק אין מעשים,
מיינט אַז ס׳איז ער, וואָס טוט יעדע טואונג,
אָבער, אַ אַרזשונאַ, ווער ס׳ווייסט ווי דער מענטש
איז באַווירקט פון די אייגענע גונאַס [5]),
פאַרשטייט אַז ווען די חושים באַהעפטן זיך מיט זאַכן,
באַהעפטן זיך נטיות מיט נטיות ;
ווער ס׳איז מסוגל דאָס צו זען,
איז שוין מער ניט דער קנעכט פון זיין אַרבעט.

דער באַלויכטענער אין גייסט
זאָל דאַריבער געוואָרנט זיין
קיינעם ניט פאַרפירן מיט זיין האַנדלונג
זיך אָפּצוזונדערן זיך פון מעשים,
ווייל זיי, וואָס פאַרשטייען ניט, נעמען אָן
אַז די גונאַס זענען באַווירקט פון אַטמאַן ;
אַזוי־אַרום ווערן זיי פאַרוועבט אין די חושים
און באַהערשט פון דער אייגענער ווערקשאַפט.

אַ בהאַראַטאַ, ווידמע דיינע טואונגען נאָר מיר,
טראַכטנדיק תמיד, אַלע טעג, אין אַלהעכסטן
און וואַרף אָפּ די איינגערעדטע האָפנונג
אַז איבער די קרומע וועגן פון זעלבזיכט
קענסטו קומען צו דערלייזונג.

באַפריי דיך פון דער פאַלשער אַנונג
און גיב זיך איבער אָן וואַקלעניש
דעם אומפאַרמיידלעכן געראַנגל
וועלכן דו קענסט ניט פאַרבייגיין.

5) נטיות.

דאָס דריטע געזאַנג

וועד ס׳זעט די ליכט פון מיין לערע
און טראָגט אין זיך אַ לויטערע אמונה,
ניט־נערנדיק קיין פּערזענלעכע כוונות,
וועט דערלייזט ווערן פון זיין קאַרמאַ.

די אַלע וואָס קאָכן זיך אין טומל,
פאַרשווינקט פון די ברוטאַלע חושים
און ווילן ניט וויסן פון אמת,
צערודערט פון ווילדע געדאַנקען —
אַ זון פון קונטי, זיי לעבן אָן תכלית
און קענען ניט האָבן קיין תיקון.

אפילו דער חכם איז אָפּטנם
באַווירקט פון די גונאַס;
אַזוי איז די מענטשלעכע טבע
און שווער איז זיך שטעלן אַקעגן.

אינעם מענטשנס געמיט איז פאַראַן די נטיה
פון ליבשאַפט־דערווידער צו זאַכן;
אַ פּרינץ, באַהיט דיך פון ביידע —
די דאָזיקע מידות פאַרפירן.

לאָז קיינעם ניט אָפּטון דיין אַרבעט
כאָטש יענער, קען זיין, איז געניטער
זוך אויך ניט פאַרבייטן אַ צווייטן;
ס׳איז בעסער צו פאַלן אויפן פעלד
פון דיין אייגן התחייבות [6];
אָן אַנדערנס חוב איבערנעמען
איז פול מיט סכנה.

---

6) דהאַרמאַ, דאָס מאָראַלע געזעץ.

דאָס געטלעכע ליד

אַרזשונאַ:

וואָס מאַכט איינעם שלעכט־זיין
אַפילו ווען ס׳איז דערווידער זיין ווילן,
ווי ס׳וואָלט אים געשטויסן צו רשעות?

סרי קרישנאַ:

די גלוסטונג איז דאָס און די אויפרעג
אין דער אומרו פון מענטשנס אינוועלט,
זיי פלאַמען, פאַרצערן דעם נפש
און זענען דיר טויטלעכע שונאים —
דערקען זיי!

ווי רויך וויקלט איין דאָס פייער,
ווי שטויב אָנגעיאָגט אויף אַ שפּיגל,
ווי די שפּראָצונג אין טראַכט פון דער מוטער,
אַזוי איז איינגעוויקלט אין דער וועלט
פון גלוסטענישן — אַטמאַן.

פאַרקנוילט איז די חכמה
אין די נעצן פון דאַזיקן שונא, די אומרו,
וואָס פיבערט מיט גלוסטונג,
וואָס איז קיינמאָל נים געזעטיקט
און גליט, פלאַקערט ווי אַ אָנגעהייצטער אויוון.

ער הויזט אין געמיט, אין געדאַנק, אינם מוח
און שלענגלט זיך אַרום דעם פאַרשטאַנד און שכל,
צערודערט און קאַלויטעט
די שלוה פון אַטמאַן.

דארום, אַ בעסטער פון די בהאַראַטאַס,
באַקעמף און פאַרהאַמער די חושים,
באַצווינג און פאַרקלעם זיי מיט גבורה,

דאָס דריטע געזאַנג

אַזוי־אַרום ווערסטו טויטן דעם פֿאַרדאַרבער
וואָס נערט זיך פֿון זינד און צעמישט די געדאַנקען,
פֿאַרטונקלט דעם שׂכל און דערוויטערט די חכמה
וואָס קומט פֿונם וועזן באַזעלטן — **אַטמאַן**.

מ׳האַלט אַז די חושים
זענען העכער פֿון ערדישע זאַכן,
אַז העכער פֿון זיי איז דער שׂכל
און העכער פֿון דעם איז דער ווילן;
נאָר העכער, נאָך העכער איז **אַטמאַן**,
דער אומשטערבלעכער **עגאָ**.

באַנעמענדיק **דאָס**
ווי דער כּח אַלהעכסטער,
פֿיל העכער פֿון ווילן
און האַבנדיק שליטה אויף זיך,
איבער־זיך דורכן איך אָנגעהויכטן,
אָ פֿאַראַנטאַפּאַ, באַזיג און דער׳הרגע
דעם שׂטן וואָס קען זיך ניט זעטן,
וואָס וויל דיך פֿאַרשלינגען,
וואָס רוט ניט און לאָזט זיך ניט כאַפּן.

סוף פֿונעם דריטן געזאַנג
פֿון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די יאָגאַ פון חכמה

סרי קרישנאַ:

די_דאָזיקע יאָגאַ האָב איך געלערנט
גאָר אין אָנהויב מיט וויוואַסוואַטאַ,
וויוואַסוואַטאַ האָט עס געלערנט דעם מאַנו,
פון אים האָט עס איבערגענומען איקשאַקו [1].

אַזוי איז די לערנונג מיטגעגאַנגען
אין די מלכות׳דיקע רייען
פון חכמים און ווייסער
דורך תקופות און צייטן אַן ערך
ביז ס׳האָט אין דער וועלט זיך פאַרלוירן
און איז פאַרגעסן געוואָרן אינגאַנצן
פון שפּעטערע דורות, אָ פּאַראַנטאַפּאַ.

איצט הערסטו די אייגענע קענשאַפט,
ווייל דו ביזט געטריי מיר און נאָענט;
ס׳איז דער סוד אַלהעכסטער
וואָס פירט צום אייביקן אמת.

אַרזשונאַ:

וויוואַסוואַטאַ איז געווען דאָך פריער
און דו ביזט פיל שפּעטער געקומען,
ווי זאָל איך באַנעמען די ווערטער
אַז דו ביזט דער ערשטער אין יאָגאַ?

1) וויוואַסוואַטאַ — דער זונגייסט; מאַנו — לערער פון די ערשטע ראַסן; איקשאַקו — גרינדער פון דער הינדו חכמים־דינאַסטיע.

דאָס פערטע געזאַנג

סרי קרישנאַ:

מיר ביידע, איך און דו,
זענען שוין פיל מאָל געווען דאָ,
איך געדענק אַלע מיינע געבורטן.
דו געדענקסט ניט.

אומגעבוירן ווי איך בין —
אַטמאַן אומפאַרגיינגלעכער
און האַר פון אַלע באַלעבטע;
אַ פאַרטראַכטער אין די וועלטן
וואָס שפּיגלען זיך אין מיין דמיון,
ווער איך דורך מיין אייגענעם כוח
געבוירן אין מאַיאַ [2].

ווען דאָס מלכות פון גערעכטיקייט
ווערט פאַרדאַרבן אין דער וועלט
און ס'ווילדעוועט אַרום הפקר דאָס רשעות,
דעמאָלט, אַ פאַראַנטאַפּאַ,
קום איך אַרונטער אויף דער ערד
אַ געשטאַלטיקטער.

אַזוי ווער איך געבוירן צווישן מענטשן
אין פאַרשידענע צייטן און תקופות,
דערמאָנענדיק זיי די פאַרגעסענע חכמה,
ברענגענדיק צוריק די ליכטיקייטן,
איינצופלאַנצן גערעכטיקייט און יושר
און אויסראָמען פון דער ערד די רשעים
און איינאָרדענען אויפסניי אַ גערעכטן סדר.

דער וואָס באַנעמט די נאַטור פון מיין שליחות,
דעם זין פון מיין הייליקן קומען,

2) אַן אויסדאַכטונג. די אויסגעשטראַלטע וועלט, אַ פורעם פונם געטלעכן רעיון.

דאָס געטלעכע ליד

וועט מער ניט באַגופט ווערן,
ווייל תיכף נאָך זיין פטירה, אַ פרינץ באַליבטער,
וועט ער אַריינקומען אין מיין וואוינאָרט.

אַ באַפרייטער פון ליידנשאַפטלעכע ווייען,
אַן אַנטרינענער פון פחדים און צאָרן,
געפינט ער אין מיר די באַגערטע מנוחה.

גערייניקט אין פייער פון חכמה
האָבן פיל שוין אין מיר געפונען די שלוה.

ווי דער מענטש איז מיר מקרב
אַזוי בין איך אים מקבל,
ווייל צו מיר פירן אַלע וועגן.

מ׳בעט הצלחה בײַ געטער
וואָס דויערט בלויז אַ ווײַלע,
אַ פרינץ באַליבטער,
דאָס ערדישע וואוילזיין, איר גליק
איז דאָ לייכט צו דערגרייכן.

איך בין עס דער,
וואָס האָב איינגעטיילט די מענטשן
און זיי איינגעאָרדנט אין פיר קאַסטעס [3],
וועדליק דער האַנדלונג פון זייערע נטיות;
דאָס האָב איך, זייער שאַפער, פאַר יעדן
אין דער וועלט אַן אָרט אָנגעצייכנט,
כאָטש אַליין בין איך איבער
אַלע ערדישע מעשים
און אויך אומדערשעפלעך.

---

3) חכמים, מנהיגים, סוחרים, אַרבעטער.

דאָס פערטע געזאַנג

איך ווער ניט באַווירקט פון מיין האַנדלונג
און דאַרף ניט די פרוכט פון די מיען;
ווער ס׳קען די נאַטור פון מיין וועזן
איז מער צו דער ערד ניט געבונדן.

אַזוי האָבן פאַרשטאַנען די אָבות
וואָס זענען געגאַנגען די מיזאַמע וועגן באַהבה.

זאָלסט נאָכטון די אָבות
און נאָכגיין אין זייערע פוסטריט
און לערנען פון זייערע מעשים.

וואָס זענען דאָס מעשים?
ווי קען מען זיי דערקענען,
וועגן און שאַצן?
אַפילו חכמים פרעגן עס אין וואונדער;
איך וועל עס דיר קלאָר־מאַכן,
אַזוי אַז דאָס וויסנדיק
וועסטו ווערן פון זינד געלייטערט.

דאַרפסט וויסן דעם זין פון דיין האַנדלונג,
דערקענען פאַרבאָטענע זאַכן
און ניט זוכן אין מיאונג דיין תכלית;
דערוווייטער זיך פון קנאה וואָס רויבט די מנוחה
און ווער באַהויכט מיט זעליקייט;
די טבע פון מעשים איז פאַרוויקלט אין סודות.

דערקענען ניט־ווירקונג אין ווירקונג
און מעשים אין ניט־ווירקונג,
אַזוינער באַשיינט איז מיט קלוגשאַפט
און פריי אינדערמיט פון התחייבות.

חכמים דערקלערן
אַז דער וואָס איז ווירקזאַם אין לעבן

דאָס געטלעכע ליד

און ווערט ניט גערייצט פון אָרומיקן וואָוילטיק
און האָט ניט קיין זייטיקע פניות,
נאָר אָפּפערט זיין מיאונג
אינעם הייליקן פייער פון וויסן —
אין אַ ווייסער און זעער.

זיין האַנדלונג איז פריי ווי קוואַליקע שטראָמען,
וואָס טוען נאָר פליסן און באַפרוכפּערן
און זוכן ניט צו וויסן וואוהין און פאַרוועמען;
ער ווירקט, ניט באַווירקט פון זיין ווירקען.

ער וואַרט-ניט אויף עפּעס, באַגערט-ניט,
ער זוכט-ניט קיין שכר און קיין דאַנקשאַפט,
מיט גלוסטן, געדאַנקען באַהערשטע —
קיין זאַך ער זאָל רופן זיין אייגן.

זיין גוף נאָר איז טעטיק,
דאָס אינער-געמיט איז באַזעלט און דערהויבן —
פון זינד און פון בייזן באַשירעמט.

ער ווערט ניט באַוועגט פון קיין ליידן און פריידן,
ער האַלט-אָן די גלייכגילט אין אומגליק, אין מזל,
צופרידן מיט דעם וואָס זיין גורל באַוויליקט,
אָן קנאה, אָן פיינטשאַפט, אָן זאָרגן;
כאָטש טיכטיק — צו גאָרניט געבונדן.

דערלייזט פון די ערדישע פּענטן,
זיין האַרץ איז באַהאַפטן אין בראַהמאַן,
זיין רעיון באַשטראַלט איז מיט חכמה,
זיין מינע, זיין תנועה איז דבקות,
זיין גאַנג איז די פרייד פון אַ תחיה,
מיט לויב פון אַ פרייער נשמה,
אָן אָפּפער פון גייסט אויפגעוואַכטן;

דאָס פּערטע געזאַנג

אַ תּפֿילה צו דעם וואָס איז בראַהמאַן,
פֿון אים וואָס איז איינער מיט בראַהמאַן;
דער קנויט אינם הייליקן בוימל
וואָס ברענט אינם פֿייער פֿון בראַהמאַן.

געוויסע יאָגים פֿאַרהערלעכן די דעוואַס
און די וואָס וויסן פֿון אַטמאַן,
טראַכטן כּסדר אינם אַלמעכטיקן
און אָפּפֿערן זיך צו בראַהמאַן.

פֿאַראַן אַזוינע וואָס צאַמען די חושים
און שיידן זיך אָפּ פֿון זאַכן
וואָס רייצן די גלוסטונג,
אַזוי זענען זיי מקריב די פֿאַרלאַנגען
אינם פֿייער פֿון זייער גלויביקייט.

אַנדערע יאָגן זיך אַרום צעשפּאַנטע
מיט הייסע תּאוות און אויפֿגעוועקטע חושים,
זיי וואַנדערן אין זייערע מוחות
און זוכן אין דער וועלט
צווישן די דרויסיקע זאַכן
דאָס אומשטערבלעך־אייביקע;
אַזוי אָפּפֿערן זיי די הונגעריקע געפֿילן
אויפֿן פֿלאַמיקן מזבח פֿון פֿאַרגעניגנס,
וואָס דאָס איז דאָס פֿאַרצערנדיקע פֿייער.

פֿאַראַן אַזעלכע וואָס שיידן זיך אָפּ פֿון תּענוגים,
פֿאַר זיי איז די פּרישה דער קרבן
און דאָס העכערע וויסן
איז דאָס פֿייער וואָס פֿאַרצערט עס.

אַנדערע זענען מקריב דאָס עשירות
און די פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן;

דאָס געטלעכע ליד

נאָך אַנדערע גיבן זיך אָפּ
צו תשובה, תפילה און צדקה
וואָס דאָס איז זייער קרבן.

אויך אַזוינע זענען דאָ
וואָס זונדערן זיך אָפּ אין אַליינזאַמקייט,
אין פרומע רעיונות,
דערווייטערט פון די רוישיקע וועגן
און דערהויבן זיך דורך יאָגאַ.

אָדער יענע וואָס פאַרטיפן זיך מיט התמדה
אין לומדות, אין פאָרשן די שריפטן
צו זוכן דעם אמת פון זאַכן;

זיי מיען זיך דורך שטרענגע מידות
וואָס דאָס איז זייער שטייגער לעבן
און דאָס אָפּפערן זיך אויפן מזבח פון זייער אמונה.

פאַראַן די וואָס זוכן צו דערגיין
די רעטענישן פון זייער קערפּער
און דורך די ריטמישע שטראָמען פון אָטעם
צו געוועלטיקן איבער די גופישע כוחות.

אַנדערע געבן זיך איבער תעניתים
און קערפּערלעכע האַרבקייטן,
צו האָבן דורכדעם איבער זיך די שליטה.

אַלע ווייסן זיי און פאַרשטייען
אַז כדי וואָס-ניט-איז צו דערגרייכן
דאַרף מען זיך פאַר דעם אָפּפערן
און יעדער טוט עס אויף אַ שטייגער
ווי ער באַנעמט עס;

דאָס פּערטע געזאַנג

ווייל נאָר אַזוי קומט מען צום באַגערטן,
דורכדעם ווערט לייכטער דער שווערער עול
און מ׳ווערט פריי פון די ווייפּולע יאָכן.

ווען איינער איז זיך מקריב פאַר זיין גלויביקייט,
וועט ער באַזיגן אַלע שטרויכלען
און דערלייזט ווערן.

די וועלט באַלאַנגט ניט צו יענע
וואָס לעבן זינלאָז, אָן תכלית,
וואָס זענען זיך מיט גאָרניט מקריב
און האָבן אויך ניט פאַרוואָס זיך צו אָפּפערן,
נאָך וויניקער געהערן צו זיי די אַנדערע וועלטן.

די־אָ אויסגערעכנטע וועגן און אַנדערע
וואָס ווערן דערמאָנט אין די שריפטן
און ליגן אויסגעשפּרייט, אָפן
פאַרן אייביקן **בראַהמאַן**,
זענען פאַרזייט פון מי און מעשה,
פון קרבנות און אָפּפערונגען;
גייענדיק איבער זיי ווערט מען דערלייזט
און פריי פון יעדער התחייבות.

אָבער בעסער פון אַלץ איז לערנען,
זיך מיען אין חכמה, אָ פאַראַנטאַפּאַ,
וואָס באַפליגלט און באַלויכט די נשמה,
דערהויבט און דערנעענט איר צו **בראַהמאַן**.

דאַרום, אָ אַרזשונאַ, לערן פון די ליכטיקע גייסטער,
די חכמים וואָס שיינען מיט וויסן;
צו זיי זאָלסטו זיך איבערגעבן,
זיך וואַרעמען אין זייער פייער
און איינוויקלען אין די שטויבן פון זייערע פוסטריט;

דאָס געטלעכע ליד

ווייל זיי, די ז ע ע ר און ו ו י י ס ע ר
פון אַלע פאַרבאָרגענע וועגן,
וועלן דיך לערנען, באַלייכטן
און דיך פירן דורך די גאָלדענע טויערן פון חכמה.

דאָס וויסנדיק, וועסטו מער ניט צעמישט זיין,
ניט אומוואָגלען אָן תכלית, אַ פאַנדאַוואַ.

אַזוי־אַרום וועסטו זען אַלע לעבנס אין אַטמאַן
און דורכדעם דערקענען מיך,
דעם אייביקן, דעם אומשטערבלעכן.

אפילו ווען דו ביזט דער זינדיקסטער,
וועט דאָס דאַזיקע וויסן, ווי אַ שווימבריקל,
דיך איבערטראָגן איבער אַלע חטאים.

אַ אַרזשונאַ, ווי אַלץ ווערט אַש אין פייער,
אַזוי וועט דאָס פייער פון חכמה
פאַרוואַנדלען אין אַש דיין קאַרמאַ.

נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ לערע
וואָס רייניקט און לייטערט דעם מענטשן
ווי יאָגאַ פון הייליקן וויסן;
באַגייסטערט, באַשטראַלט און דערהויבן,
דערפילט מען אין האַרצן דעם אמת.

דער מענטש באַזעלט מיט אמונה,
וואָס גייט אום באַרוט און באַהערשט
אינםווירבל פון גרויסן האַרמידער,
געפינט אין אַלהעכסטן מנוחה.

דער גראַבער, אומוויסנדער צווייפלער,
וואָס טראַכט ניט און וויל זיך ניט קענען
און האָט קיין השגה פון גלויבן,
וועט ווערן פאַרווישט אָן אַ תקומה.

דאָס פערטע געזאַנג

פאַר לעסטערער, טרעגער פון יאוש,
נישטאָ איז קיין די וועלט, קיין יענע —
קיין טרייסט און קיין תחיה אינערגעץ.

ווען איינער באַמיט זיך אין יאָגאַ
מיט ערלעכע, ריינע כוונות
און ווערט ניט געפייניקט פון ספקות,
ווייל שטאַרק איז אין גאָט זיין אמונה
און נאָענט מיט דבקות צו אַטמאַן,
אַ ארזשונאַ, אַזוינער דערלייזט איז אויף תמיד.

נאָר אויב אין דיין האַרץ איז אַ ספקות
וואָס וואקלט דיין גלויבן אין אַטמאַן,
צעשנייד מיט דער שאַרף פון דיין וויסן
דעם צווייפל פאַרקנוילט אין זיין לויער ;
שטיי אויף אָנגעמוטיקט, אָ זון פון בהאַראַטאַ
און ווער איינגעגרונטעוועט אין יאָגאַ.

סוף פונעם פערטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס פיפטע געזאַנג

די יאָגאַ פון פרישות

אַרזשונאַ:

לויבסט דאָס דערווייטערן זיך פון מעשים
אויך לערנסטו די וועגן פון מעשים,
רעד מיט מיר קלאָר, אָ קרישנאַ,
וועלכע מידה איז בעסער.

סרי קרישנאַ:

פרישות און די מידה פון מעשים
ביידע פירן צו דערלייזונג,
נאָר בעסער איז די יאָגאַ פון מעשים.

אַ פרוש איז דער וואָס האַסט ניט, באַגערט ניט
און ווערט ניט צערודערט פון סתירות,
אַ מעכטיקער אָרעם;
ער איז ניט פאַריאָכט און געבונדן.

נאָר קינדער וואָס וויסן גאָר־ווייניק,
צושיידן באַזונדער די יאָגאַס
פון טאַט און פון געטלעכן וויסן,
ווייל ווער ס׳איז פאַרוואָרצלט אין איינער,
בליט מיט די פירות פון ביידע.

די יאָגים פאַרטראַכטע אין אייביקן בראַהמאַן
און יענע וואָס גייען איבער מיאיקע וועגן,
דערגרייכן אַמענדע די זעלבע מדרגות;
אַ חוזה איז דער וואָס קען זען
די אַחדות פון מעשים מיט וויסן.

דאָס פינפטע געזאַנג

נאָר שווער איז דער גאַנג פאַרן פּרוש,
אַ מעכטיקער אָרעם,
וואָס גייט ניט די וועגן פון מעשים,
ווייל איינע איז אַ טייל פון דער צווייטער
און ביידע דערגאַנצן, דערפירן צו שלמות,
וואָס ברענגט די התקרבות מיט בראַהמאַן.

פאַראיינט אין זיי ביידע דורך יאָגאַ,
געהייליקט דורך שטענדיקער מיאונג,
געפירט פונם איך אויפגעוואַכטן
מיט אַלע געפילן פאַרקלעמטע;
וואָס האָט דאָס באַוואוסטזיין
אַז ער און די וועלט איז באַהאַפטן,
פאַרוועבט אינם איינציקן אַטמאַן,
וואָס לעבט און באַלעבט די יצירה;
אַזוינער, כאָטש טיכטיק און ווירקזאַם —
זיין מי איז אויף אים ניט משפיע.

ווער ס'איז באַשיינט מיט חכמה
און לעבט אין דער לערע פון אַלהעכסטן,
ווייסט אַז ער טוט ניט די טואונג
פון זעען, פון הערן, פון פילן,
פון שמעקן, פון עסן, פון אומגיין,
פון אָטעמען, שלאָפן און אויפשטיין,
פון רעדן, פון נעמען און געבן,
פון עפענען, פאַרמאַכן די אויגן;
ער האַלט אַז דאָס טוען די חושים
וועלכע באַוועגן זיך אין דער וועלט פון זאַכן
און ווערן פון זיי באַווירקט און געפיטערט.

דער ו ו י י ס ע ר באַמיט זיך אין מעשים
נאָר טוט זיי אינם נאָמען אַלהעכסטן,

דאָס געטלעכע ליד

דערוויטערט פון אויפרייץ און גלוסטונג
און ריין ווי דאָס בלאַט פון דער לאָטוס
וואָס גרינט, ניט באַנעצט, אויפן וואַסער.

די מיענדיקע יאָגים באַנוצן דעם גוף נאָר,
די חושים, דעם מוח, דעם שכל, ווי כוחות
וואָס העלפן דערוועקן אינם אינער־געמיט
דעם אומשטערבלעכן אַטמאַן.

דער מענטש אין זיין גייסט אויפגעשטראַלטן,
מיט שליטה איבערן גופישן ווילן,
דערגרייכט אַלע זעלישע רוען;
און יענער מיט חושים צערייצטע,
פאַרטון אין זיין גופישן וואוילזיין,
ווערט געטריבן פון זיין אייגענער אומרו
און קען דאָס געמיט ניט איינשטילן.

דער אומשטערבלעכער תושב
וואָס וואוינט אין דער שטאָט פון ניין טויערן [1],
אַן איינגעוויקלטער אין דערהויבענע שטילקייטן,
זעט זיך אַ דערלייזטער פון מעשים;
ער ווייסט ניט פון מיען און שטריקט ניט
אַרום־זיך די קאַרמישע בענדער
און פירט ניט מיט קיינעם קיין שותפות.

דער האַר פון די וועלטן
איז קיינמאָל ניט גורם די סיבות
וואָס ברענגען צו פאַלשע השגות.

דער מענטש און זיין וועלט איז אַ דאַכטונג,
זיין מי און זיין מאַטער — אַ וויי־ליד,
זיין שטענדיקע זאָרג איז די שטראָפרוט

1) דער גוף.

דאָס פינפטע געזאַנג

וואָס קומט פון ניט־וויסן;
ס'איז אַלץ אין דער טבע וואָס ענדערט,
צערודערט, גענאַרט און פאַרבלענדעט.

דער האַר פון דער וועלט אין זיין שלמות
איז העכער פון מידות, נטיות,
פון אַלע אומווערדיקע מעשים,
אַפילו פון גוטע דערהויבן,
נאָר די הייליקע שיין איז פאַרטונקלט
פאַר דעם וואָס פאַרשטייט ניט
און בלאָנדזשעט אין בלינדקייט.

די דאָזיקע שיין איז **אַטמאַן,**
די געטלעך־פאַרהוילענע חכמה;
ווען וויסן פאַריאָגט דאָס ניט־וויסן
אַנטפּלעקט זיך אין האַרץ פונם מענטשן
דאָס אייביקע ליכט פון **אל־שדי**
און שיינט ווי די זון אין די וועלטן.

מיט **אים** אין מחשבה,
מיט **אים** אין באַהעפטונג,
מיט **אים** אַ פאַראייניטער,
צו **אים** פאַר אַן אָפּפער —
דערגרייכט מען די הייכן גאָר־העכסטע,
נישטאָ מער קיין טרויער, קיין אומקער.

גע'טובלט אין קוואַלן פון חכמה,
דערלייזט פון די קאַרמישע קייטן,
אין אויפגאַנג פון לויטערן פייער,
פאַרשווינדן די סיבות וואָס שפּינדלען
די ראָד פון געבוירן און שטאַרבן.

דאָס געטלעכע ליד

חכמים און רישים קוקן באַגלייך
אויף אַ בראַהמין מיט איידעלע מידות,
אויף אַ קו און אַ עלפאַנט,
אַפילו אויף אַ הונט און אַ אויסוואורף.

נישטאָ קיין אומעגלעכע זאַך
אינם ערדישן לעבן אַפילו
פאַר די וואָס געפינען מנוחה אין בראַהמאַן;

ווייל איינאיינציק איז ער און העכער פון אומרעכט,
ער האַלט אָן די וואָגשאָל פון גלייכוועכט,
וואָס איז אין זיין מידה פון רחמים
דער שיצער, באַהיטער פון אַלע.

דער יאָגי באַהעלט פונם לויטערן שכל [2],
פונם קלאָרן פאַרשטאַנד אַ געפירטער,
פאַרוואָרצלט אינם געטלעכן אורקוואַל —
ווערט ניט אין פריידן פאַראַנדערשט
און אויך ניט פאַראומערט פון זאָרגן.

צו זיין אין דער וועלט אַ באַרוטער
און פילן דעם אָטעם פון אַטמאַן
און ווערן באַהאַפטן דורך יאָגאַ
מיט דעם וואָס איז אייביק —
אַזוינער באַשטראַלט איז מיטן חן פון אַלהעכסטן.

ווי טראַכטן אַנגעפילטע מיט ווייען
זענען די פאַרגעניגנס פון די חושים —
זיי קומען און פאַרגייען, אַ ארזשונאַ,
און געבן ניט קיין פרייד די ו ו י י ס ע ר.

ווער ס׳שטעלט זיך אַקעגן מיט גבורה
אָט־דאָ און א י צ ט פאַרן שטאַרבן

---

2) העכסטער אינטעלעקט.

דאָס פינפטע געזאַנג

די בייזע צערייצטע כוחות,
געבוירענע פונם גיריקן ווילן,
פון קנאה, באַגערשאַפט און גלוסטונג —
איז אין אחדות מיט בראַהמאַן
און איז גליקלעך באמת.

דער יאָגי וואָס איז אינער געליטערט,
באַרוט אין זיין אינערלעך וועזן,
מיט אינערלעך גליק אָנגעאָטעמט,
אין זעלישן פייער צעפלאַקערט
און דערהויבן אין זיין אינוועלט —
איז באַהאָפטן אין בראַהמאַן,
זיין היים איז נירוואַנאַ [3].

חכמים, דערוויטערטע פון אומרעכט
און געריייניקטע פון ספקות,
מיט חושים, געדאַנקען באַהערשטע
און פריי, אויסגעלייזט פון די יאָכן,
ווידמענדיק זייערע מעשים צו אַלע
וואָס וואָגלען און ווילן אויך פריי-זיין —
אַזוינע, באַהאָפטן אין בראַהמאַן,
דערגרייכן נירוואַנאַ.

נירוואַנאַ איז נאָענט יענע
וואָס ווייסן דעם אייגענעם מהות
נאָר ווייסן ניט מער פון אומרו,
פון אויפרעג, יסורים און עצבות,
מיט חושים פאַרקלעמט און באַצווינגען
און וואָס האַלטן זיך קליין און באַשיידן;

---

3) די אַלהעכסטע מדרגה.

דאָס געטלעכע ליד

אין זיך איינגעשלאָסן זענען זיי
און באַשיצט פון די פיינטלעכע כוחות
וואָס וואויען ווי ברויזיקע שטורעמס;
די אויגן וואָס קוקן נאָר זעען קיין זאַך ניט —
פאַרשטאַרט אינדערמיט פון די ברעמען;
מיט גלייך־אָפּגעמאָסטענעם אָטעם
אַרויס־און־אַריין דורך די נאָזלעך
אין ריטמישע שטראָמען;
אין זיך איינגעזאַפּט מיטן שכל,
אין זיך מיט די חושים פאַרוויגטע,
מיט אַלע געדאַנקען פאַרזיגלט,
פונם דרויסיקן רעש אויסגעליידיקט.

דער יאָגי וואָס גייט צו דערלייזונג,
וואָס וויל זיך אינגאַנצן דערקענען
און האָט ניט קיין אַנדערע באַנגען,
קיין פּחד, קיין אויפּרעג פון גלוסטונג —
איז פריי פון זיין ערדישן צובונד אויף אייביק.

דערקענענדיק מיך,
דעם מקבל און אויך בעל־הנאה
פון אָפּפער, פון תפילה, קרבנות,
פאַרערונג און שטרענגע השגחה;
מיך, דעם אַלמעכטיקן פון וועלטן,
דעם אוהב פון אַלע וואָס לעבן,
אַ זון פון קונטי, זיין אָרט איז נירוואַנאַ.

סוף פונם פיפטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די יאָגאַ פון מסירת־נפש

סרי קרישנאַ:

ווער סע טוט זיין באַשערטע שליחות
ערלעך, אָן פניות און קלערט ניט פון זיין וואוילזיין,
איז אַ סאַניאַסי, אַ יאָגי [1].

דער פרומער וואָס פאָלגט אַלע דינים
און טוט ווי סע הייסן די ספרים
און מיינט אַז מיט דעם איז ער פטור
צו טראָגן דעם עול פון אחריות;
ער צינדט ניט קיין פייער
און ברייננגט ניט קיין אָפּפער
און וויל זיך אין גאָרניט באַמיען,
איז ניט קיין סאַניאַסי, קיין יאָגי.

דער שטייגער פון פרישות
אין תוך איז דער זעלבער ווי מעשים,
מ'ווערט ניט געלייטערט פון מצוות
צו קריגן פאַר זיי אַ באַצאָלונג.

פאַרן יאָגי, וואָס מ י ט זיך אין יאָגאַ,
זענען מעשים ניט מער ווי אַ מיטל
וואָס העלפן דערגרייכן אַ תכלית.

דער וואָס קלעטערט אַ באַזעלטער
צו דער ליכט מיט ריינע מחשבות,
דאַרף גיין אין דער מיזאַמער יאָגאַ,
דורכדעם וועט ער ווערן דערנעענט צו בראַהמאַן
און מער שוין ניט וויסן פון מיען;

1) אַ הייליקער נזיר, פריי פון רעליגיעזע תקנות.

דאָס געטלעכע ליד

ווייל, ווער ס'איז פריי פון די כוחות
וואָס רייצן און בריען די חושים;
פון די אַנגסטן געבוירן אין גלוסטונג,
פון גלוסטן וואָס קומען פון אַנגסטן
און איז ניט דער קנעכט פון זיין האַנטווערק,
אויף אים ווערט געזאָגט,
אַז ער קלעטערט צו הויכע מדרגות
וואָס דערנענען צו בראַהמאַן.

דער ווילן איז דאָס —
נאָר וואָס איז דער ווילן
און ווי קען ער העלפן דעם מענטשן?

ניט-גוט און ניט-שלעכט איז דער ווילן,
נאָר מורא'דיק שטאַרק איז זיין כוח,
וואָס דאַרף איינגעשפּאַנט זיין
צו העלפן אַנטפּלעקן דעם אַטמאַן
און ניט אים פאַרוויקלען
און מער נאָך פאַרשטעלן.

דער ווילן איז פריינטלעך צו אַטמאַן,
ער איז אויך זיין שונא;
ווער איינער איז האַר איבער זיך און זיין טבע,
דערהויבט אים דער ווילן צו אַטמאַן,
ער איז אָבער פיינטלעך צו אים,
ווען דער מענטש איז אַ קנעכט פון די חושים
און האָט איבער זיי ניט די שליטה.

דאָס שטילע בּאַרוטע געמיט
אָנגעפילט מיט דער נשמה-יתירה,
איז האַר און געוועלטיקער פון ווילן.
דאָס ווערט ניט צערודערט
פון היץ און פון קעלטן,

דאָס זעקסטע געזאַנג

פון פיין און פון תענוג
און אויך ניט פון כבוד-אומכבוד.

דער יאָגי, זוכנדיק דערלייזונג
דורך וויסן און חכמה, דורך שווערע נסיונות
איבער וועגן געפּרואווטע, צי קענען דעם אמת,
דעם איינציקן אמת פון בראַהמאַן,
וועט קיינמאָל ניט ווערן באַווירקט פון די זאַכן
וואָס רייצן, צעטומלען, פאַרבלענדן.

אַ קופּע מיט ערד און אַ אוצר מיט גאָלד
האָט די אייגענע ווערט פאַרן יאָגי
וואָס באַהעפט זיך אין בראַהמאַן.

ווער ס׳קען האָבן איין צוגאַנג
צו אַ פריינט און אַ שונא,
אַ חבר און אַ פרעמדן,
אַ גר און אַ קרוב
און אויך צום גוטן און בייזן —
איז גרויס אומגעהייער.

דער יאָגי געווידמעט צו יאָגאַ
זאָל האָבן פאַר זיך אַ געהייליקט ווינקל
דערווייטערט פון זייטיקע אויגן
און בלייבן מיט-זיך ביחידות;

ער זאָל זיך דערהויבן אין מחשבה
און פאַרטרייבן די פרעמדע געדאַנקען
וואָס ווילדעווען אום אין זיין מוח;
אַזוי זאָל ער בלייבן פאַרטראַכט אין אַטמאַן,
זיין רוח-הקודש.

אַ ריין און ציכטיק אָרט זאָל ער האָבן
אַז קיינער זאָל עס ניט זעען

און זיין דאַרף עס ניט הויך, ניט נידעריק,
באַדעקט מיט הייליקע גראָזן, אַ הירשנפעל
און אַ דעקטוך איינס איבער דאָס אַנדערע.

אַזוי, זיצנדיק אין שטילער התבודדות
מיט יראת־הכבוד און גרויס פאָרכטיקייט,
זאָל ער זיך אין זיין טראַכטונג אויפהייבן
און פלאַטערן זאָל ער העכער פון זיין ווערדיקייט
און העכער נאָך פון אַלע זיינע השגות,
מיט גרויס השגחה איבער די חושים
און אַרומגענומען מיט ריינע כוונות
וואָס זאָלן זיין אַנגעשטעלט ווי אַ פייל
אין אַ נקודה פון זיין אינער־גמיט;

אַזוי־אַרום וועט דאָס הארץ זיינס
אויסגערייניקט ווערן פון פסולת
און בלייבן דורכזיכטיק־לויטער.

ניט־באַוועגלעך, אינם זעלביקן מצב זאָל ער זיצן
און האַלטן גלייך דעם קאָפּ, נאַקן און רוקנביין
און מיט די אָפענע, שטאַרע אַפּלען קוקן
פאַרזאָמט אויפן שפּיץ פון דער נאָז.

אויסגעלייזיקט פון אַלע טראַכטונגען,
פון פרעמדע, ניט־באַגערטע געדאַנקען,
זאָל ער ניט קלערן פון קיין זאַכן,
נאָר אומשוועבן זאָל ער אין זיך אַליין,
געוואַגט, פריי און אָפּגעקייטלט פון דער וועלט,
מיט עניוות, מסירת־נפש און אויפלייזונג,
מיט זיין נדר פון אָפּגעהיטקייט [2]
און מיט זיין איינגעשטילט געמיט;

---

2) בראַהמאַטשאַרי, געשלעכטלעכע נזירות.

דאָס זעקסטע געזאַנג

איינקלעמענדיק אין זיך די געפילן
און דערווייטערט פון אַלע פרעמדשאַפטן,
זאָל ער פאַנאַנדערנעמען זיינע נשמה־פליגל
און אומפלאַטערן אין די שטילע
אויפגעשוואומענע טיפענישן פון התרוממות,
טראַכטנדיק אין מיר, זיין אויפלויכט,
זיין רו און זיין תכלית.

מיט שליטה איבער זיך
אין זיין קלעטערן באַרג־אויף און העכער
צו גרייכן דאָס וואוינאָרט
פון דעם וואָס איז בראַהמאַן,
וועט ענדלעך דער יאָגי,
גע׳טובל׳ט אין געטלעכע פייערן,
אַריינקומען אינם היכל פון שלוה —
נירוואַנאַ.

יאָגאַ איז ניט פאַר יענע
וואָס עסן צופיל אָדער פאַסטן;
יאָגאַ איז אויך ניט פאַר יענע
וואָס וואַכן צופיל אָדער ווייניק,
אַ אַרזשונאַ.

יאָגאַ רייניקט פון פיין און טויט־אָפּ די ווייטיקן
אין יענעם וואָס פירט זיך במנוחה
און האָט איבער זיך די השגחה;
וואָס שפייזט זיך נאָר צו שטילן הונגער
און צעשטרייעט זיך מילד, איינגעהאַלטן,
האָבנדיק אַ געזעצטע רגילות
צו שלאָפן און אויפשטיין.

דאָס געטלעכע ליד

דער יאָגי, דערהויבנדיק זיך צו אַטמאַן,
וואָס פילט ניט קיין בענקשאַפט אין זיך
צו זאַכן שוין איבערגעלאָזטע,
אויף אים ווערט געזאָגט —
איז אין אַחדות מיט בראַהמאַן.

דאָס פלעמל אין לאָמפּ וועט ניט ציטערן
וואו ס׳שלאָפן די ווינטן,
אַזוי איז דעם יאָגי׳ס געמיט
וואָס איז געפירט פונם ווילן
און ווערט פון קיין זאַך ניט צוטרייסלט,
נאָר לעבט אָנגעאָטעמט פון אַטמאַן.

דער יאָגי דערפילט ערשט די שלוה
וואָס טראָגט אין זיין הארץ איינגעשטילטן,
נאָר דאָס איז צו הויך פאַר די חושים
וואָס האָבן קיין רו ניט, קיין אַנונג
און קענען אַרויף ניט דערלאַנגען.

ער איז ווי אַ באַרג איבער שטורמס —
דערהויבן, באַשיינט מיטן אמת
פון זיך, זיין באַדייט און זיין וועזן
און וואָס קען שוין ניט ווערן פאַרטונקלט.

ער היט און באַשירעמט זיין אוצר אַנטפּלעקטן,
זיין גלויבן דערין וועט שוין קיינמאָל ניט ווערן
פאַרנעפּלט פון ספקות.

דער דאָזיקער גרויסער בטחון
צעבליט איז אין וויסן די יאָגאַ
וואָס רייסט פונם מענטשן אַרונטער
די בענדער פון טרויער.

דאָס זעקסטע געזאַנג

מיט כוחות צעגליט אינם פייער פון גלויבן,
אָ ארזשונאַ, מי דיך מיט גאָר דיין נשמה אין יאָגאַ.

פאַרפרעמד און דערוויטער דיך
פונם דרויסיקן מאַרק מיט זיין טומל,
וואָס האַלט אַלע טויערן אָפן
נאָר קען דיר מיט גאָרניט באַגליקן.

דאַרום, אָ ארזשונאַ, באַשיץ דיך
מיט צאַמען ארומונאַרום
פון די חושים וואָס גלוסטן;

בהדרגה, פאַמעלעך שטיל־איין די געפילן
וואָס ווערן צערודערט אין אומרו;

נאָר ווייס אַז דער ווילן פונם לויטערן שכל
אַליין קען פאַרשמעלצן אין שלמות
די גייסטיקע ברוכן אין מענטשן
און געבן אים פריד און מנוחה;

דאָס גאַנצע געמיט זיינס דאַרף טרינקען כסדר
דעם נעקטאַר אַמריטאַ פון אַטמאַן [3],
ניט האָבן קיין אַנדערע דורשטן;
ער דאַרף אויך אָן אויפהער
באַצווינגען די כוחות פון אומרו
און מאַכן זיי נכנע דעם ווילן פון אַטמאַן.

אין שטילקייט פון זעלישע רוען,
געלייטערט, דערהויבן פון יצר —
דאָס פולע געמיט פון אַ יאָגי
איז אָנגעזאַפּט מיט דער הייליקייט פון אַטמאַן
און אויפגעלויכטן אין זיין ליכטיקייט.

---

3) אַמריטאַ — אומשטערבלעכקייט.

דאָס געטלעכע ליד

דערלייזט פון די זינדיקע פּיינען,
עקסטאַטיש פאַרטראַכט אין זיין אינוועלט,
געוואָרן זיין גאַנג איז שוין גרינגער
באַרג־אויף צו נירוואַנישע הויכן,
געפירט בײַ אַ פינגער פון בראַהמאַן,

זיין האַרץ איז אין אחדות מיט בראַהמאַן,
אין אַלץ וואָס ער זעט נאָר איז בראַהמאַן;
ער קען אויך דעם אַטמאַן,
צעפּלייצט און פאַרוועבט אומעטום, אין די וועזנס,
און גאָר דעם געווימל פון לעבן
וואָס איז אָנגעטרונקען, דערנערט מיט זיין אָטעם.

אין תוך פון די זאַכן
דערקענט מיך דער יאָגי,
ער זעט אויך אין מיר די יצירה;

ער זעט מיך אַרום, אומעטום
און דאַרף מיך פון ווייט שוין ניט זוכן —
אויך איך קען אים מער ניט פאַרלירן.

ער קען זיך פון מיר שוין ניט שיידן;
אין אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט נאָר,
דאָרט ווער איך פאַרהערלעכט פון יאָגי,
דאָרט גיט ער מיר כבוד,
ווייל אַלץ איז אַ טייל פון מיין אחדות.

אין וואָס פאַר אַ שטייגער ער פירט זיך,
טוט שטענדיק דער יאָגי מיין ווילן.

דער באַלויכטענער, וואָס איז אויך מסוגל
צום טרייסטן דעם הילפלאָזן
און אָפּווישן די טרערן פון צער
וואָס ער טראָגט אים אַנטקעגן —

דאָס זעקסטע געזאַנג

מיר ליב איז אַזוינער
און איך האַלט אים פֿאַרן גרעסטן פֿון יאָגים.

אַרזשונאַ:

דו לערנסט אַז יאָגאַ
מיינט אחדות אין בראַהמאַן,
אַ קרישנאַ, איך זע ניט ס'זאָל דויערן אייביק;
דאָס קען דאָך ניט האָבן קיין קיום
ווייל גרוים איז אין מענטשן די אומרו;

דער מענטשלעכער גייסט איז צעטומלט
און צאַפּלט אין די נעצן פֿון יצר;
ער איז ערדיש, פֿאַרגרעבט און מגושם.
פֿאַרכאַפּט פֿון די זאַכן וואָס רייצן
און האָט איבער זיך ניט די שליטה;
די אומרו, ווי ווינטן, איז שווער איינצושטילן.

סרי קרישנאַ:

אָן ספק, אַ אַרזשונאַ,
דער גייסט איז אומרואיק
און לאָזט זיך ניט צאַמען,
מ'קען אָבער קריגן
דעם פולן רשות איבער אים
מיטן מעכטיקן כח פֿון ווילן
און ווערן זיין מדריך;
מ'דאַרף אים דערציען
און איינשטעלן זיין טבע
דורך שטענדיקע מי און רגילות
ביז ער ווערט אונטערטעניק, געהאָרכזאַם.

אַ אַרזשונאַ, ניט גרינג איז צו ווערן אַ יאָגי
ווען מ'האָט איבער זיך ניט די שליטה.

דאָס געטלעכע ליד

אַרזשונאַ:

איינער מיט אמונה און איידעלע מידות,
וואָס האָט ניט איבער זיך קיין שליטה,
ער וואַנדערט פון יאָגאַ אַוועק
איבער זייטיקע וועגן וואָס פירן צו ספקות,
אָ קרישנאַ, וואָס ווערט פון אַזוינעם?

זיך אָפּקערנדיק פון זיין געטראָטענעם וועג
פאַרלירט ער דאָך אי די וועלט, אי יענע
און ווערט ווי אַ צעריסענע כמאַרע
געטריבן אַהין־און־אַהער פון די ווינטן
ביז סע צערינט און גייט אונטער.

זיי גוט צו מיר, אָ קרישנאַ,
און העלף מיר פאַריאָגן די ספקות,
ווייל דו אַליין אין דער וועלט
קענסט מיר ענטפערן ריכטיק.

סרי קרישנאַ:

ניין, זון מיינער, ער פאַרגייט ניט,
ניט פון דער וועלט און פון אַנדערע.

דער קרומער וועג פון ווייַ און וואַקל
וואָס פירט צו אונטערגאַנג, אָ אַרזשונאַ,
איז ניט פאַר דעם וואָס וויל זיך לייטערן
און זיך דערהויבן איבער אומרעכט.

ווען איינער האָט שוין געטראָטן
דעם וועג פון גערעכטע,
זיך ערלעך אָפּגעגעבן צו ליכטיקע מעשים,
נאָר ס׳טרעפט ער פאַרלירט זיך
אין געווירבל פון אויפברויז און אומרו,
אַזוינער וועט ווערן להבא באַלוינט פאַרן שווערן נסיון

דאָס זעקסטע געזאַנג

ווייל אַלץ איז פון זיין עבר פאַרבליבן
און ק י י נ מ אָ ל נ י ט ווערט וואָס פאַרגעסן.

ער וועט שפּעטער נאָכאַמאָל קומען
און אויפגיין אין אַ הויז פון געבענטשטע
וואָס טוען דעם געטלעכן ווילן
און האָבן אויך מזל און ברכה.

ער קען אויך געבוירן ווערן אין אַ יאָגאַ-משפחה
פון ריינע געלייטערטע וועזנס;
דאָס טרעפט אָבער זעלטן,
ווייל שווער איז צו האָבן
אָט-דאָ אין דער וועלט אַזאַ זכיה.

ער קומט מיט די זעלבע נטיות
וואָס האָבן געפורעמט זיין טבע
פונם פריערדיקן קערפּער;
מיט זיי הויבט ער אָן אויפסניי זיך צו מיען
און ציען ווייטער דעם המשך.

ער קלייבט אויף די פעדעם
פון זיין פריערדיקן לעבן
צו שפּינען ווייטער דעם גורל
וואָס איז ניט געבליבן פאַרענדיקט.

די גייסטיקע כוחות פון פריער
באַלעבן מיט גבורה דערפרישטער
זיין ווידערגעבוירן;
זיי ברייגנען אים צוריק אויף די וועגן געלאָזטע
וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראָטן,
זיי שטויסן אים ווייטער מיט אימפּעט באַנייטן
און טראָגן אים העכער אויף זיכערע פליגל
צו הויכן אַמאָל-שוין געבענקטע.

דאָס געטלעכע ליד

ווער סע הונגערט צו וויסן די יאָגאַ,
אַפּילו דער באַשיידענער זוכער פון אמת,
וועט האָבן אַ תּיקון און קומען צו שלמות,
אַ פרייד פון די קורוס.

דער יאָגי אָבער
וואָס ראַנגלט זיך אָן אויפהער, פאַר'עקשנט
דורך אַנצייליקע גלגולים צו קדושה
און גייט אַ געפּרוואווטער אין נסיונות
פון מדרגה צו מדרגה אַרויפצו
מיט די פלאַמיקע פייערן פון גלויבן,
בטחון, התלהבות און לויטערקייט —
איז געקרוינט מיט נצחון.

דער יאָגי איז גרויס און געאַכפּערט
וואָס זוכט באַהעפטונג אין בראַהמאַן,
ווייל גרעסער איז ער פונם נזיר
און דערהויבענער פון לומדים,
פון יעדן בעל־צדקה;
דעריבער, באַליבטער אַרזשונאַ,
ווער פלייסיק אַ יאָגי;

ער גיט מיר זיין האַרץ
און פאַרערט מיך עקסטאַטיש
מיט כבוד און טריישאַפט;
א י ם, איבער אַלע אַנדערע,
רוף איך מיין אייגן.

סוף פונם זעקסטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס זיבעטע געזאַנג

די יאָגאַ פון העכערן וויסן

סרי קרישנאַ:

ווען דו ווידמעסט זיך מיר מיט כוונה
און דו גייסט איבער אָפּגעהיטע וועגן,
זוכנדיק אין מיר דיין מנוחה,
וועסטו דעמאָלט מיך קענען אינגאַנצן
און וויסן דעם תוך פון מיין מהות.

איך קום דיר איצט קלאָר־מאַכן די חכמה,
דעם שטייגער פון העכערן וויסן,
וואָס ווייטער פון דעם איז נישטאָ מער
אויף דער וועלט וואָס צו וויסן.

נאָר איין מענטש אין טויזנט
וועט אפשר באַגערן דאָס וויסן,
פון די־אָ געציילטע וועט אויך אפשר איינער,
קוים איינער מיך זוכן צו קענען,
באַנעמען דעם ז י י ן פון מיין וועזן.

ערד, וואַסער, פייער,
לופט, עטער, געמיט,
פאַרשטאַנד און אייגנזיכט,
זיי שטעלן אַכטפאַכיק צענויף
דעם חלק פון מיין טבע פּראַקריטי [1].

אָ ארזשונאַ, פאַרשטיי עס
אַז ד אָ ס איז מיין טייל פון דער נידער,
ווייל העכער, דערהינטער, באַזונדער

1) דער אויסגעשטראַלטער קאָסמאָס; ס׳ווערט אויך גערופן: דאָס ליכט פון לאָגאָס׳; די וועלט פון גשמיות.

דאָס געטלעכע ליד

פאַראַן איז דער שורש, דער אורקוואַל פון לעבן
און אויך דער זכרון פון אַלע באַשאַפענע וועזנס.

אַ מעכטיקער אָרעם,
דאָס איז י ס ו ד און ע י ק ר —
אויף דערויף איז געגרונדפעסטיקט די אַ ל ו ו ע ל ט.

געדענק אַז מיין טראַכט איז פּראַקריטי
וואָס ברייט אויס דאָס חיות
פון אַלע געבוירענע לעבנס.

איך בין דער מקור
פון דער אַלוועלט צעפלייצטער,
איך בין אויך איר אויפלייז.

פון מיר איז נישטאָ שוין קיין העכער
און חוץ מיר איז גאָרניט
און קיינער נישטאָ־מער,
ווייל איך בין די סיבה פון סיבות;
אויף מיר זענען וועלטן צעהאַנגען
ווי שנירלעך מיט פּערל.

איך בין דער טעם אין וואַסער,
אָם אין די וועדאַס [2],
דער גלאַנץ פון דער זון און לבנה,
דער קלאַנג אין עטער,
די מענלעכע גלי אינם קערפּער.

איך בין דאָס מתיקות פון דער ערד
און איר פרישקייט,
די ליכט אינם פייער,
דאָס לעבן אין די וועזנס
און די הייליקייט אין נזיר.

---

2) דער שם.

דאָס זיבעטע געזאַנג

אָ ארזשונאַ, איך בין דער זאָמען
פון וואַנען דער סכום אין דער וועלט
איז געקומען, זיך צעבליט און צעוואַקסן.

איך בין דער שכל אין די וואָס פאַרשטייען,
די שיינקייט אין פּרעכטיקע זאַכן,
די טרייבקראַפט אין מיער,
אין שטאַרקע די גבורה —
נאָר פריי פון באַגערן.

איך בין די בענקשאַפט,
די גוטע גלוסטונג אין וועזנס
וואָס ענדערט ניט די טבע,
דעם חוק פונם וועלטלעכן סדר,
אָ זון פון בהאַראַטאַ.

די דריי נטיות אין מענטשן [3]:
די שטילע און נאָבעלע טבע,
די טבע פון מעשים און אומרו,
אויך די מגושם׳דיק-טעמפּע —
זיי שטראָמען אין מיר
און זיי קומען פון מיר,
נאָר איך בין אין זיי ניט פאַראַנען.

די וועלט איז צעמישט און פאַרבלענדט
פון די־אָ דריי נטיות
וואָס שפּראָצן פון מיין נידעריקע טבע;

דערפאַר קען זי מיך ניט קענען,
ווייל דערהויבן בין איך
און העכער פון די גונאַס
און אויך אומפאַרגיינגלעך.

3) די גונאַס.

דאָס געטלעכע ליד

מיין געטלעכער דמיון וואָס איז מאַיאַ [4]
און צעפּלייצט אין די דריי גונאַס,
איז שווער דורכצוברעכן;

נאָר ווער ס'טראָגט מיך אין הארצן
און פלאַטערט צו מיר אין מחשבה,
וועט דורכברעכן די מחיצה
וואָס פאַרשטעלט מיך פון אים
און ער וועט מער שוין ניט וואָגלען אין מאַיאַ.

די שלעכטע פאַרדאַרבענע מענטשן
וואָס דערנערן זיך אין זינדיקע זומפּן,
האָבן אויסגעמיטן דעם ריכטיקן וועג
און פרעמדע זיך אָפּגעקערט פון מיר;
זיי קענען מיין זיין ניט באַנעמען.

זיי זענען פאַרפירטע און געזונקענע,
פאַרכאַפּטע אין די נעצן פון מאַיאַ;
זיי קענען מער ניט טראַכטן און נאָכדענקען
מיט די קראַנקע, פאַרקריפּלטע מוחות
און אַזוי־אַרום זיך אָפּגעגעבן
דעם פינצטערן האַר פון אַסוראַס [5].

פאַראַן פירערליי מינים מענטשן
מיט אויפריכטיק־באַשיידענע געמיטער
וואָס הייליקן מיין נאָמען, אָ ארזשונאַ.

דאָס זענען די צעפייניקטע,
די וואָס זוכן דעם אמת,
די וואָס בעטן הצלחה
און צום סוף די חכמים,
אָ פרינץ פון די בהאַראַטאַס.

4) אילוזיע, וועלט איז בלויז אַ שפּיגל פון גאָטס מראה.
5) די סטרא־אַחרא, דער שטן.

דאָס זיבעטע געזאַנג

פון זיי אַלע איז דער חכם,
וואָס טורעמט זיין גייסט אין די הימלען
און ווידמעט זיך מיר מתוך אהבה,
זוכנדיק אַ באַזועלטער מיין התקרבות,
מיר ליב און טייער, ווייל ער איז תמימות'דיק
אין זיין טריישאַפט, אָן פניות.

זיי אַלע זענען אויפריכטיק און ערלעך,
נאָר דער וואָס איז גייסטיק באַפליגלט
און שטרעקט זיך צו מיר מיט ליבשאַפט ;
וואָס טראָגט מיך אין הארץ, אין די רעיונות
און פילט אין זיך דעם גלי פון מיין אָטעם —
מיט אים בין איך נאָענט און היימיש ;

איך זע מיך אין אים
אין זיין לשון, זיין פירונג,
זיין פילן, זיין טראַכטן,
זיין תנועה און עובדה,
זיין מינדסטע באַמיאונג ;

איך זע אים אינאיינעם מיט אַטמאַן,
זיין גאַנג און זיין שטייגער
איז אַן אָפּפער, א הימנע צו בראַהמאַן.

ער איז מיין באַליבטער
ווייל איך בין זיין ליד און די ווידמונג,
זיין תפילה, זיין העכסטע דערהויבונג.

דורך פילמאָל געבוירן —
גלגולים אין ראָד פון זיין קיום,
געפּרואווט אין די ווייען פון יעדן נסיון
און זאַט מיט דערפאַרונג,
מיט וויסן און חכמה באַלויכטן,

דאָס געטלעכע ליד

דערגייט ער צו מיר און געפינט אין מיין שוים
זיין פרידן, זיין שלוה, זיין פולקייט.
שווער איז אָנצוטרעפן אזא מאהאטמא [6])

אזוינע וואָס פאַרטונקלען די חכמה
אינם שימער פון די וועלטלעכע בלענדן,
וואָס ווערן געדייצט פון די גלוסטונגען,
נאָר זיי טראָגן אין זיך א גלויביקייט;
זיי גייען נאָך בלינדערהייט
דעם דרויסיקן טייטש פון די שריפטן
און זעען ניט דעם תוך פון די ווערטער;

זיי שאַפן זיך קולטן
און קרוינען זיך געטער
לויט זייער געמיט און השגה;

נאָר אויב זיי זענען ערלעך און באַשיידן
און האָבן בטחון אין זייער אמונה,
אין זיי וועל איך רייניקן די הערצער,
צעבלאָזן די פונקען אין פלאַמען
וואָס וועלן זיך קיינמאָל ניט לעשן.

געוואַרעמט אינם גלי פון מיין פייער
וואָס שימערט אין זייער באַגלויבקייט,
קענען זיי זיך אָפּגעבן די געטער
וואָס וואוינען אין זייערע השגות
און בעטן פון זיי דאָס באַגערטע;
באמת בין א י ך דאָס דער געבער.

נאָר זיי מיט פאַרטונקלטער חכמה
פאַרלאַנגען בלויז חסדים פאַר איצטער
וואָס דויערן ווייניק, פאַרגייען;

6) וואָס דערגרייכט שלמות.

דאָס זיבעטע געזאַנג

אַזוינע וואָס דינען די געטער
גייען צו געטער,
צו מיר גייען נאָר גייסטער באַשטראַלטע
מיט לויטערן שכל און וויסן,
באַפליגלטע מיט ליכטיקע געדאַנקען
מיט ריינע גע׳טובל׳טע הערצער,
וואָס האָבן געאָפּפערט צו מיר נאָר
א ל י י ן אַלע מיען.

מיך, דעם אין-סופיקן
וואָס האָט ניט קיין פורעם,
קיין תמונה, קיין אויסזע,
ווילן די אומוויסנדיקע באַנעמען
ווי איינעם פון זייער גלייכן, מיט זייער השגה!

די שוטים, זיי קענען ניט וויסן,
ניט אַנען אפילו מיין טבע
וואָס איז איבערמענטשלעך
און איינער מיט דעם וואָס איז אייביק,
א ו מ ש ט ע ר ב ל ע ך.

ניט יעדער קען מיך זען
אַ פאַרוויקלטן אין מאַיאַ,
איז ווי קען די וועלט,
די צעטראָגענע, פאַרטומלטע,
גאָר וויסן פון מיר
וואָס איז אומגעבוירן
און קיינמאָל-ניט פאַרענדערט?

איך קען אַלע ברואים פון פריער און איצטער,
אויך יענע וואָס דאַרפן ערשט קומען,
אָ אַרזשונאַ, נאָר מיך קען ניט קיינער.

דאָס געטלעכע ליד

די געבורטשאַפט פֿון מענטשן
פֿאַרשליסט זיין זכרון פֿון פֿריער;
ער ווערט אויפגעכאַפּט פֿון די סתירות
און צעמישט פֿון די ערדישע געבלענדן
וואָס בייטן זייער אויסזע אָן אויפהער.

ער נעמט אָן פֿאַר עכט די געדאַכטן,
וואָס שפּינדלען זיך פֿאַר זיינע אויגן
און פֿאַרנעפּלען, אַ פֿאַראַנטאַפּאַ.

די וואָס מיען זיך ערלעך,
גייענדיק מיט טריט אָפּגעהיטע
און ווערן אין גאַנג ניט געשטרויכלט,
פֿון זיי ווערט צערונען די ספקות
וואָס האָט מיך פֿאַרלייקנט.

זיי גייען באַלויכטן און היטן דעם נדר
וואָס האָט זיי אָן מיר אָנגעבונדן.

די מידע, די אויסגעמאַטערטע
פֿון ווייען, פֿון שרעק און פֿון וועלקן,
פֿון וואַנדער און וואָגל אָן תכלית
אין רינג פֿון געבורט און פֿאַרגייאונג,
פֿאַרקערן צו מיר נאָך טרייסטונג און רחמים
און ווידמען נאָר מיר זייער לעבן;

אַזוי־אַרום דערנענען זיי זיך צום אֱלהעכסטן
און ווערן באַקענט מיט זייער געטלעך וועזן
און ס׳ווערן פֿאַר זיי קלאָר
די ווירקנדע כוחות וואָס שטאַמען
צעפּלייצטע פֿון אורקוואַל.

מיך קענענדיק,
באַנעמען זיי און פֿאַרשטייען

דאָס זיבעטע געזאַנג

דעם סכום פון דער וועלט וואו זיי זענען,
דאָס עכטע אין תהום פון אילוזיעס,
דעם גורל פון יעדן איינעם
און די השגחה איבער אַלע
וואָס וואַכט פון די הויכן אַלהעכסטע.

אַזוינע, אפילו אין די שעהן פון פּטירה
הערן ניט אויף מיך צו קענען;
זיי קומען צו מיר מיט אַ קלאָרן זכרון.

סוף פונם זיבעטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די יאָגאַ פונם אומפאַרגיינגלעכן אָם

אַרזשונאַ:

דערקלער מיר, ווער איז דאָס בראַהמאַן?
אויך דער וואָס איז אָנגערופן אַטמאַן —
די נשמה פון אַלע נשמות?
און דו, אָ בעסטער פון אַלע,
וואָס איז די אַרבעט דיינע — קאַרמאַ?
וואָס מיינען זיי און באַדייטן
און ווי־אַזוי קענסטו זיין אַ באַגופטער?

וואָס אָטעמט אין קערפּער מיט לעבן
און גיט דעם די כוחות, דעם אימפּעט,
דעם אָנרעג, די פליסן צו מיען?

אָ, דערשלעגער פון שטן, דערקלער מיר —
ווי ווערסטו נתגלה צו די ריינע נשמות
וואָס זעען אין די לעצטע שטאַרבנדע שעהן
דיין פּנים און קלאָרן באַוואוסטזיין?

סרי קרישנאַ:

דאָס אומפאַרגייִנגלעכע, דאָס אומפאַרענדערלעכע,
דאָס אומצושטערבאַרע און פון סיבות אַלהעכסטע —
איז בראַהמאַן.

דאָס ליכט און פייער, דער הייליקער אָטעם
וואָס גליט אינם קערפּער — איז אַטמאַן.

דער אויספלייץ פון כוחות וואָס שטראָמען אַרויס
פונם אורקוואַל
און ווערן פון מיר אויסגעשפּרייט און צעוויקלט —

געבוירן די סיבות וואָס בינדן נשמות צו קאַרמאַ[1].
די קאָסמישע טבע איז אומרו, באַוועגונג, פאַרענדער;
די טבע פון מענטשן איז האָבן באַוואוסטזיין
פון זיך, דעם פּערזענלעכן נפש.

אויסגעשטאַלטיקט אינם פורעם פון פאַרגייענגלעכקייט
בין איך עם דער וואָס דערקלער עם דיר
און איך בין עם אין דיין פאַרקערפּערונג —
די פּורושאַ וואָס געבערט לעבן[2]
און בלויז א י ך אַליין, האַר פון אַלע געטער,
וואַך מיט גרוים השגחה אין יעדן קערפּער.

ווען איינער איז פאַרטראַכט אין מיר פאַרן שטאַרבן
און ער זעט מיך אויפקומען אין זיין אינוועלט
באַהעפט ער זיך אין מיר, אַ ארזשונאַ,
מעגסט אין דעם זיין זיכער;

ווייל אין וואָס דער מענטש איז פאַרקלערט
אין די לעצטע אויסגעטיקטע שעהן,
צו דעם וועט ער אָנקומען שפּעטער;
דאָס געמיט איז דעמאָלט אָנגעטרונקען
מיט ד ע ם, וואָס איז געווען באַ אים דער עיקר.

דאַרום, אַ ארזשונאַ,
זוך שטענדיק מיין נאָענטקייט
און טוליע זיך צו מיר אין דיין הארצן,
ניט אָפּשטייענדיק פון דיין התחייבות.

ענטפער דיך איבער צו מיר
מיטן נפש, האַרץ און דיינע מיאונגען,

1) דאָס ווידערגעבוירן צו מעשים.
2) דער גייסט.

דאָס געטלעכע ליד

אַזוי־נאָר וועסטו דערלייזט ווערן —
גלויב עס מיר.

פלאַטער אויף צו מיר אין דיין מחשבה,
שטרעק דיך צו מיר מיט ריינע כוונות,
רעד צו מיר וואָס וואַכט אין דיין וועזן
און לאָז ניט קיין זאַך זאָל צעוויגן דאָס הארץ דיינס,
וואָס דאַרף זיין באַרואיקט,
פאַרשטילט און געלייטערט,
צו מיר נאָר געווידמעט
און מאַך דיין רגילות
מיך תמיד צו זעען
באַלויכטן אין דיין דמיון
און תמיד אין מיר נאָר פאַרקלערט זיין.

זיי זיכער, אָ אַרזשונאַ,
אַז דאָס וועט היילקן דיין האַרץ
און ברענגען אַלע דיינע רעיונות
פאַר א י ם וואָס איז ליכט און שלוה —
דער גייסט אַלהעכסטער.

אוראַלט איז ער, אַלוויסער, אַלהערשער,
פונם קלענסטן פּרט נאָך קלענער,
יסוד און אויפהאַלטער פון וועלטן,
צעשטראַלט ווי די זון איבער חושך,
פונם אייגענעם ז י י ן אויפגעלויכטן.

ווער קען עס באַנעמען זיין אויסזע, זיין אַלזיין
וואָס איז איבער און העכער די מעשים פון אומרו,
די בלענדן, חלומות פון מאַיאַ!
אין ד ע ם זאָל דער מענטש זיך פאַרטראַכטן.

דאָס אַכטע געזאַנג

אַזוי, אין די שעהן פון זיין גופישן אָפּשייד
וועט ער שטאַרק זיין מיט די כוחות פון יאָגאַ;
זיין געדאַנק איינגעשטילט, אומבאַוועגלעך,
דאָס האַרץ זיינס דורכזיכטיק-לויטער;
מיטן אָטעם פאַראַנקערט אינמיט פון די ברעמען
פאַרלאָזט ער דעם גוף בשלום
און פלאַטערט אויף אַ באַפרייטער
אין די זעלישע זינגנדיקע שטילקייטן,
צו דעם וואָס וואַרט דאָרט פון אייביק.

פון אים וואָס איז אומצושטערבאַר,
לויט יענע וואָס ווייסן די ווערדאָס;
פון אים וואָס באַהעפט אין זיין וועזן
די ריינע, אָפּגעהיטע, גייסטיק-דערהויבענע,
לויטערע, נאָבעלע געמיטער;
פון אים וואָס איז מקבל און מקרב
די דערלייזטע פון קאַרמישע יאָכן,
וועל איך רעדן בקיצור.

דער מענטש פאַרן שטאַרבן
זאָל צומאַכן אין זיך אַלע טירן [3]
פאַר די דרויסנדיקע גלוסטן און באַגערן
וועלכע זוכן אים צו פאַרטרונקען, צעמישן;
די אויגן זאָל ער אין האַרץ דרינגען
און אַזוי אינדערמיט פון די ברעמען,
וואו ס׳שיידן זיך אָפּ די געדאַנקען,
פאַרהאַלטן די נשימה פון לעבן
מיטן כוח פון זיין וויסן.

איינגעזאַפּט אינם אינער-געמיט
זאָל ער פּליסטערן אָן אויפהער אָם,

3) די חושים.

דאָס געטלעכע ליד

דעם אָפּקלאַנג פון מיין הייליקייט,
און זוכן אין די עכאָס מיין אויפשיין;
אַזוי וועט ער קומען צו מיר און מיך קענען.

אָ ארזשונאַ, אַזוינע מאַהאַטמאַס
גייען ניט צוריקוועגס
צום לעבן פון פיין און פאַרגייאונג —
זיי בלייבן מיט מיר אויף אייביק.

אויך וועלטן געבוירן און שטאַרבן,
זיי ווערן באַשאַפן און חרוב —
אפילו די הערשאַפט פון בראַהמאַ [4].

נאָר דער וואָס גרייכט מיך, אָ זון פון קונטי,
ווערט שוין מער ניט געבוירן;
ער ווייסט ניט פון טויט און ווי איך
איז ער אויך אומפאַרגייענגלעך.

ווען דו ווייסט איין בראַהמאַ־טאָג
וואָס איז פון אָ טויזנט יוגאַס [5]
און דו ווייסט די טויזנט יוגאַס
וואָס איז איין נאַכט פון בראַהמאַ,
דאַמאָלט וועט דיר קלאָר־זיין
וואָס טאָג־און־נאַכט מיינט,
ווי ע ר אַליין ווייסט עס.

די ניט־זיכטיקע לעבנס
איינגעוויקלטע אינם לאַנגן שלאָף
פון דער טיפער נאַכטיקייט,

---

4) בראַהמאַ, ניט בראַהמאַן, איז דער קאָסמישער אַספּעקט פונם באַשעפער, מיט ווישנו — דער באַשיצער און שיוואַ, דער אויפלייזער. בראַהמאַ׳ס וועלטן זענען דאַרום ענדלעכע.

5) עפּאָכן, תקופות.

דאָס אַכטע געזאַנג

ווערן אינם גרויסן פאַרטאָג פון בראַהמאַ
אויפגעוועקט צו דערשיינען אין דער וועלט
ווי שטערבלעכע באַגופטע וועזנס
און ווען נאַכט שפּרייט זיך ווידער,
ווערן זיי איינגעוויקלט צוריק
אין די שלאָפנדיקע זאָמען פון לעבן.

אַזוי, אָ פּרינץ, דערשיינען זיי
און שטראָמען אָנענדיקע
צו שפּינדלען די ראָד
פון געבורטשאַפט און טויט,
אַלעמאָל אויפדאָסניי,
אומבאַהאָלפן פונם אייגענעם גורל.

פון דעם ווערט קלאָר
אַז הינטער דאָס דערשיינענע
און דאָס ניט־דערשינענע
איז פאַראַן נאָך אַ זייַן,
אַן עקזיסטענץ העכער נאָך, טיפער,
אינערדיקער פון דאָס ניט־דערשינענע,
וואָס איז אייביק, אומפאַרענדערלעך,
וואָס, אויפלייזנדיק די אַלוועלט,
ווייסט עס אַליין ניט פון אויפלייז.

דאָס ניט־אויסגעשטראַלטע
און דאָס ניט־אויפגעלייזטע,
ווי ס׳ווערט אָנגערופן,
איז דאָס העכסטע פון אַלע מדרגות
און די וואָס קומען אַהינצו,
קערן זיך ניט אום שוין;
דאָס איז מיין וואוינאָרט אַלהעכסטער.

דאָס געטלעכע ליד

מחשבות אָנגעפילט מיט דבקות,
מסירת-נפש׳דיקע אָפּפערונגען
איז דער וועג צו אים וואָס איז א י י נ צ י ק
און העכער פון אַלע השגות,
וואָס טראָגט אין זיך די יצירה
און אַלע לעבעדיקע ווימלונגען —
מיט וועמעס אָטעמען ס׳איז אָנגעפילט די אַלוועלט.

איך וועל ווייזן דיר צוויי וועגן, אַ פּרינץ פון בהאַראַטאַ;
דער יאָגי וואָס שיידט זיך פונם קערפּער
זאָל נעמען דעם וועג וואָס אים ווילט זיך,
ווייל איינער פירט צוריק צו געבורטשאַפט,
פונם אַנדערן איז מער נישטאָ קיין צוריקקער.

דער ערשטער וועג איז פייער ,ליכט, טאָג,
אין דער אויפגייענדיקער לבנה יעדע פערצן טעג,
מיטן גאַנג פון דער זון צפון-צו אַלע זעקס חדשים;

אַזוינער אין דבקות מיט בראַהמאַן
וואָס נעמט דעם דאָזיקן וועג,
דערגייט צו אים און קערט זיך ניט אום שוין.

דער צווייטער וועג איז רויך און נאַכט,
אין דער פאַרגייענדיקער לבנה יעדע פערצן טעג,
מיטן גאַנג פון דער זון דרום-צו אַלע זעקס חדשים.

דער יאָגי וואָס נעמט דעם-אָ וועג,
גייט אין די שאָטנס פון דער לבנה-נאַכט,
וואָס פירט צוריק צום פיין פון ווידערגעבוירן [6].

די צוויי וועגן, דער ליכטיקער און פאַרטונקלטער,
זענען אָנגעברייט אין דער וועלט

6) ליכט, פייער, רויך, נאַכט — ווינקען אָן די מדרגות וואָס די נשמה גייט דורך נאָך פטירה.

דאָס אַכטע געזאַנג

פון ענדער־פאַרענדער, נאָך פון פאַר מעשׂי־בראשית.
דאָס זענען די וועגן, וואָס איינער פירט
צו דער אייביקייט פון וואַנען מ׳קערט זיך ניט אום
און דער צווייטער פירט צו פאַרגייִנגלעכקייט,
וואו ס׳דרייט זיך אָן אויפהער די ראָד פון גלגולים
דורך ספקות, יסורים און עלנט.

דער יאָגי וואָס ווייסט עס, קען ניט גענאַרט זיין,
אָ זון פון קונטי, דאַרום, לערן יאָגאַ
און גיי אירע וועגן אָן מידיקייט.

די שריפטן זאָגן אַז מ׳קומט צו שלמות
ווען מ׳איז זיך עוסק אין ריטואַלן, צערעמאָניעס,
אויך דורך תעניתים, תפילה און צדקה;

דער יאָגי וואָס נעמט אויף מיין לערע
זיך מיענדיק כסדר אין יאָגאַ,
וועט פיל מער געווינען ווי יענער
וואָס היט פּונקטלעך, מיט אייפער
דעם שריפטלעכן אָנזאָג.

סוף פונם אַכטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס נײַנטע געזאַנג

די יאָגא פונם פאַרבאָרגענעם וויסן

סרי קרישנאַ:

צו דיר וואָס גלויבסט און באַנעמסט מיך,
קום איך איצט אַנטפּלעקן געהיימען,
דעם סוד פון פאַרזיגלטע סודות,
דאָס געטלעכע וויסן, די חכמה,
וואָס וועט דיך אויף תמיד באַפרייען
צו שפּינדלען די ראָד פון גלגולים,
וועלכע ברענגען צום שטערבלעכן לעבן
דורך צער און אַבלות.

ס'איז מלכות'דיק וויסן פון טיפע מיסטעריען —
דער גרויסער מטהר וואָס לײַטערט דעם מענטשן.

ס'איז קיינמאָל־ניט אַנטפּלעקט פאַרן פּשוטן וועזן,
נאָר איז לײַכט צו פאַרשטיין פונם יחיד באַזעלטן —
אַזוינער וועט קומען צום קוואַל פונם אייביקן אמת.

די וואָס האָבן ניט קיין גלויבן
און ווילן ניט וויסן דאָס ו ו י ס ן,
וועלן מיך קיינמאָל־ניט קענען.

פאַר זיי איז אין שטויב זייער הימל,
יסורים און ספקות דאָס לעבן,
דער טויט — זייער איינציקער חבר
און אויפלייז — די לעצטע מנוחה.

מיט מיר איז די וועלט דורכגעדרונגען,
דורך מיר איז די בריאה צעשײַנט
און באַוועגט אין מײַן גוף ניט־אַנטפּלעקטן;

דאָס נײַנטע געזאַנג

איך האָב ניט אין קײנעם מײַן שורש,
דאָך אַלץ איז אין מיר אײַנגעוואָרצלט.

פאַרשטײ מיך, אָ אַרזשונאַ,
איך בין מיט קײן זאַך ניט אין שותפות
נאָר דאָס איז מײַן יאָגאַ־מיסטעריע
וואָס שווײַגט אין דערהויבענער שטילקײט.

רײַן פון גשמיות,
בין איך דער טראַכט פון די וועזנס
און דערהאַלט זײער קיום.

דער לופט־ים וואָס כוואַליעט מעכטיק
זיך אומטראַגנדיק פרײַ איבער ווײַטן,
נאָר שטענדיק אײַנמיט פון אַקאַסאַ [1],
אַזוי אין דער וועלט זענען אַלע
וואָס וואַנדערן אום ווי די ווינטן
נאָר זענען אין מיר אײַנגעוויקלט.

באַם סוף פון אַ רונדע צײַטן
זאַמל איך אויף אַלע ברואים
צוריק אין די רויגן פון לעבן
און וועק זײ דערנאָך אויסגעבריטע
אין פרימאָרגן פון אַ נײַעם בראשית.

ווי הילפלאָז זײ זענען אין מאַיאַ [2]
וואָס נאַרט זײ מיט פאַלשע השגות
און איך פון מײַן טבע צעפלײץ זײ,
די וועזנס וואָס שטראָמען צוריקוועגס
אויפסנײַ זײער גורל צו שפינדלען.

---

1) קאָסמישע ענערגיע, עטער.
2) מאַטעריעלע וועלט.

דאָס געטלעכע ליד

איך בין פון דעם אַלץ ניט באַווירקט
ווייל איך גיי ניט מיט ערדישע דרכים
און בין ניט געבונדן צו קאַרמאַ [3]
וואָס פירט צו געבוירן און ליידן.

איך בין אין מיין גלייכגילט דערהויבן,
באַזונדער פון מענטשלעכע מעשים,
נאָר האָב איבער מאַיאַ השגחה.

דער סכום פון מיין שאַפונג צעשטראַלטע
איז מאַיאַ פון ענדער־פאַרענדער,
דערפאַר איז די וועלט אין באַוועגונג
וואָס שפינט זיך אַליין אין די רונדן
פון אויפקום און אומקום כסדר.

די שוטים אין מענטשלעכע גופים,
זיי שווימען אַרום אין מיין וועזן,
דערנערן זיך מיטן זאַפט פון מיין אָטעם
און האָבן פון דעם ניט קיין אַנונג;

זיי געבן קיין טראַכט ניט אַפילו
אַז א י ך, דער באַשאַפער פון וועלטן,
באַלעב זיי, דערפריש זיי, דערהאַלט זיי
און בין פונם קערפער דאָס חיות.

מ׳האַוועט, מ׳האָפט און מ׳לערנט,
צו וואָס אָבער האָפן עם מענטשן?
וואָס גיט זיי די מיאונג, די לערעס
חוץ ווייען, צעמישונג און ספקות
וואָס עגבערן די מוחות, פאַרביטערן געמיטער,
צעקאַכן און וואונדן די הערצער?

---

3) התחייבות.

דאָס נײַנטע געזאַנג

די טבע פון מענטש איז אַ דולהויז
פון וואַנזין, פון פּחדים, ניש׳גוטע.

נאָר די זענען גרויסע נשמות
וואָס אַרבן די געטלעכע מידות,
וואָס זענען באַזועלט און געהייליקט
און גליען אין פלאַם פון נר־תמיד.

נאָר זיי, די געזאַלבטע יחידים
דערגייען צום קוואַל פון מײַן אַלזײַן,
פון מיר וואָס איז אוראַלט, פאַרצײַטיק,
דער אָנהויב פון פאַר דער התחלה —
פאַראייביקט, אומשטערבלעך, אין־סופיק.

זיי קומען צו מיר אויפגעלויכטן
אין גייסט, אין געמיט, אין מחשבה,
זיי געבן מיר כבוד און אכפּער
מיט הערצער צעפלאַמט פון מײַן אַלזײַן.

זיי פלאַטערן אום אײַנגעוויקלט
אין תפילה פון דבקות און ליבשאַפט,
אין צניעות, אין תמימות׳דיק גלויבן —
צו מיר, וואָס פאַרנעמט זיי מיט רחמים,
צו מיר, זייער פרײַנט וואָס באַגערט זיי.

איך ווער אויך פאַרהערלעכט אין די,
וועלכע זענען אומעטום אין דער וועלט
אויסגעשפּרייט די ווערקשאַפט פון בראַהמאַן,
מ׳זעט מ י ך אין זיך, נעבן זיך און באַזונדער,
פון ווייט און פון נאָענט.

אויך אַנדערע פאַרהערלעכן געטלעכקייטן
וואָס זענען ניט מער ווי שפּיגלען פון מיר
מיט מילאַסן געשטאַלטן.

איך בין די מידות, די מצוות
וואָס ווערן דערמאָנט אין די ווערדאָס,
דער אָפּפּערער און די תפילה,
דאָס פלעמל אין יאָרצייט נאָך אָבות,
די היילגראָז, די שפּייז און די מאַנטראַס [4].

איך בין דער קרבן, דאָס פייער,
דער גלי אינם פלאַם וואָס פאַרצערט עס,
דער פאָטער, דער הויפּט פון די וועלטן,
די מאַמע, די עלטער, דער אָנשפּאַר.

איך בין די וואָגשאָל פון מעשים,
אָם פון מיין פאַרבאָרגענעם נאָמען,
די סאָמאַ, די ריג און די יאַזשור [5],
די היים, די אָנטרינונג.

איך בין די ענדע פון לומדות,
דער שיצער, דער וועג און דער עדות,
דער שפּייזער, דער האַר און באַדינער,
דער פריינט, דער באַגינען, די אָפּרו
און אויך די דערפרישונג.

איך בין דער קוואַל און די אויפלייז,
דאָס וואַרטהויז פון אַלע נשמות,
דער זאָמען וואָס ווערט ניט געענדערט.

איך בין דער פלאַקער פון זון און פייער,
דער טויט און דאָס אומשטערבלעך לעבן,
דער געבער, ניט־געבער פון רעגן.

איך בין סאַט־אַסאַט [6] —
דאָס זעענדיקע און ניט־זעענדיקע;

4) די הייליקע שפּרוכן.
5) די דריי ווערדאַס.
6) דער זיין־ניט־זיין.

דאָס ניינטע געזאַנג

אַ אַרזשונאַ, דער אַנטפּלעקטער קאָסמאָס
און די פאַרבאָרגענע זאָמען.

די פרומע וואָס לערנען די ווערדאַס
און פאָלגן די קלוגע פאַרזאָגן
דורך ברייננען מיר אָפּפער, מתנות;
וואָס טרינקען די געהייליקטע וויינען
און רייניקן זיך פון עבירות;

ווען זיי קומען אין הימל פון אינדראַ [7],
די היים פאַר די פרומע נשמות,
דערהויבענע אין זעלישע פריידן
געניסן זיי די הימלשע תענוגים.

דאָס דויערט אַזוי-לאַנג
ווי דער שכר פאַר די ערלעכע מעשים,
ווען זיי האָבן שוין פאַרדייעט
די פרוכט פון זייערע מצוות,
טוט זיך אָפּ פון זיי די זעליקייט,
זיי קערן זיך צוריק צו לעבן אין ווייען.

אַזוי איז שוין דער גורל פון יענע
וואָס לעבן פאַרפרומט לויטן שטייגער
ווי ס'איז אָנגעזאָגט אין די שריפטן
און פירן זיך לויט דער מסורה,
נאָר זענען ניט פריי פון תאוות
וואָס שפּייזן די פיזישע חושים
און ציען זיי צוריק צו געבוירן.

נאָר ד ע ר וואָס דערהויבט זיך צו מיר
און פאַרנעמט מיך אין שטילער התלהבות,
וואָס דערפילט מיך אין זיין אָטעם

7) שר פון גן־עדן.

און הערט מיך אין זיין האַרצקלאַפּ,
ווידמענדיק מיר די געדאַנקען,
די פּרוכט פון גאָר זיינע מיען —
פון מיר וועט ער ווערן געשפּייזט
און באַהיט פון געפאַר און נסיון.

אַפילו אַזוינע באַגלויבטע
וואָס דינען פאַרשידענע געטער
מיט ריינע געלייטערטע הערצער,
צו זיי איז אויסגעשטרעקט מיין אָרעם
און מיין אויער פאַרנעמט די תחנונים,
כאָטש זייער אמונה איז אַנדערש,
אָ זון פון קונטי;

ווייל איך, דער א י י נ א י י נ צ י ק ע ר,
בין אַליין מקבל די תפילות
וואָס קוואַלן פון לויטערע הערצער;
דאָך מוזן זיי קומען צוריק
צום שטייגער פון זייער ערדיש לעבן,
ווייל פרעמד זענען זיי צו פאַרשטיין
און וויסן מיין אמתע טבע.

די וואָס דינען געטער, גייען צו געטער;
וואָס פאַרהערלעכן די אָבות, גייען צו די אָבות;
יענע וואָס גלויבן אין גייסטער, פאַנטאַזמען,
גייען צו זייערע פאַנטאַזמען,
אַזוי גייען נאָר צו מיר מיינע גלויביקע.

ווער ס׳גיט מיר מיט ליבשאַפט
אַ בלעטל, אַ בלימל, אַ פרי צי וואַסער,
וועל איך עס אויפנעמען ווי אַן אָפּפערונג
ווייל ווען דאָס קומט פון אַ ריין ערלעך האַרץ
איז עס בײַ מיר זייער חשוב.

וואָס דו זאָלסט ניט טוען, אַ פּרינץ,
צי דו עסט, צי דו פֿאַרדײַעסט אין אַפּרו,
צי דו העלפֿסט אימיצן,
צי דו ביזט עפּעס מנדב,
צי דו באַגערסט עפּעס,
צי דו טראַכסט פֿון עפּעס,
צי דו ווילסט עפּעס גוטס־טון,
צי לערנען, שאַפֿן, זיך דערהויבן,
אָדער עפּעס מבטיח־זײַן —
ברײַנג דאָס אַלץ פֿאַר מיר
און טו עס אין מ י י ן נאָמען.

דורכדעם וועסטו זיך באַפֿרײַען פֿון בײדע —
דער גוטער און שלעכטער השפּעה
וואָס ס'האָבן אויף דיר די מעשים.

געטובלט אין חכמה דורך פּרישות,
צו מיר אַלײן וועסטו קומען
אַ דערלײזטער פֿון די קאַרמישע יאָכן [8].

דער זעלבער בין איך צו יעדן —
אָן שנאה, אָן טובות צו קײנעם.

די אָנגעזאַפּטע מיט מײַן הײליקער נשימה
און די אויפֿגעלויכטענע אין מײַן ליכטיקייט —
זענען אין מיר און א י ך בין אין זײ פֿאַראַנען.

ווען אײנער אײַנגעטונקען אפֿילו אין זינד,
זאָל זיך מיט אַ רײַן האַרץ,
אָן אויפֿגעגליטער אינם פֿײַער פֿון חרטה,
באַקערן צו מיר מיט הכנעה, מיט ליבשאַפֿט —
אַזוינער איז מער ניט קײן זינדער,

8) די התחייבות וואָס בינדט צו דער ערד.

דאָס געטלעכע ליד

נאָר הייליק איז ער און געלייטערט;
דאָס וועט אים אויפלעבן און באַזעלן
און אים געבן אַ תיקון און שלום.

אַ אַרזשונאַ, איך בין עס דיר מבטיח,
ווייל ד ע ר וואָס ליבט מיך פאַרגייט נישט.

אַזוינע וואָס קומען פון זינדיקע טראַכטן:
די פרויען, די ווײַשיאַס, די שודראַס אפילו
וואָס זוכן אַ תיקון און ווילן מיך קענען —
זיי גייען אין וועגן גערעכטע,
בפרט נאָך די ערלעכע בראַהמינס [9],
די לומדים, די גרויסע חכמים.

די וועלט איז אײַלנדיק און פון רגעס,
דו וואָגלסט אַרום צווישן שאָטנס;
זי גיט נישט קיין פרייד און פרײַנטשאַפט
און טרײַבט דיך ווי שטויב אין די ווינטן.

פאַרקער דיך פון איר, אַ אַרזשונאַ,
אין מיר וועסטו האָבן דײַן תחיה,
וועסט ווערן דערלייזט און דערהויבן.

דערפריש דיך אין די קוואַלן פון יאָגאַ
מיט גאָר דײַן געמיט, דײַן האַרץ און דײַן גלויבן;
זאָלסט קניען, באַנעמען מײַן גרויסקייט
און זיך האַלטן קליין, אַ נבנע אין מײַן אָנזיכט.

באַהאָפטן אין האַרצן מיט אַטמאַן,
מיט מיר אין דײַן העכסטער השגה,

---

9) די פיר הינדו קאַסטעס: גייסטליכע בראַהמינס; די הערשער; די ווײַשיאַס־הענדלער און שודראַס־באַדינער.

דאָס ניינטע געזאַנג

וועסטו אָנקומען צו דער באַגערטער פולקייט
און דערגרייכן די אַחדות מיט מיר,
וואָס איז א י י נ צ י ק און אַ ל י י ן
און איז אויך אומעטום אין די וועלטן.

סוף פונם ניינטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס צענטע געזאַנג

מלכות־שדי

סרי קרישנאַ:

הער ווידעראַמאָל, אַ קשאַטרי,
די ווערטער פון דער חכמה אַלהעכסטע;
בענטשנדיק קום איך דיך לערנען
ווייל דאָס, מיין באַליבטער, באַגערסטו.

די רישים און דעוואַס וויסן ניט מיין אָנהויב [1],
ווייל איך בין דער אָנהויב פון סיבות,
דער שורש פון געטער,

ווער ס'קען מיך ווי דאָס זיין
וואָס איז קיינמאָל ניט געבוירן,
איינאיינציק אַליין איבער וועלטן,
אַזוינער פון צווישן אַלע מענטשן
איז פון זינד געלייטערט
און פריי פון אַלע פאַרבלענדונגען.

דער סך־הכל פון מענטשן,
זיין פילאַרטיקע טבע:
דאָס וויסן, די קלאַרקייט פון שכל,
די חכמה, די סליחה, דער אמת,
סבלנות, באַטראַכטונג, מנוחה;

יסורים און פאַרגעניגנס,
דאָס לעבן, דאָס שטאַרבן,
די שרעק, דאָס עקשנות,

---

1) דערהויבענע וועזנס.

דאָס נײַנטע געזאַנג

דער ווילן, דאָס וואַקלען,
רחמנות, התמדה, געוואַגטקייט;

די חושים געצאַמטע,
די האַנט אין די נויטן,
דער כבוד און אויך די פאַרשעמונג —
פון מיר איז דאָס אַלצדינג געקומען,
די מידות, די מענטשלעכע טבע.

געקומען פון מיין געמיט
זענען די זיבן גרויסע רישים,
די פיר אַלטע קומאַראַס
און אויך די מאַנוס [2].

אַזוי האָב איך געבוירן
די ערשטע געבערער פון ראַסן
צו פעלקערן די ערד.

ווער ס'קען מיך באמת,
דער א י י נ ע ר אין סכום פון די וועלטן,
דער עצם פון זאַכן אַרומונאַרום אויסגעפּלייצטע,
אין מיר איז ער באַהאַפטן,
איז אייגן אין הויז פון מיין אַ ל ז י י ן,
וועט קיינמאָל ניט פילן קיין עלנט —
זיי זיכער.

וואו אַליץ ווערט געבוירן — דאָרט בין איך
און אויך איז פון מיר די אַלשאַפונג;
דאָס ווייסן די ו ו י י ס ע ר מיט הויכע השגות,
מיט האַרץ און נשמה צו מיר נאָר געווידמעט —
פאַרקלערט אין מיין ז י י ן.

---

2) זונגייסטער; פלאַנעטאַרע גייסטער; ראַסנגייסטער. יעדע ראַסע האָט אַ שר, אַ מאַנו.

דאָס צענטע געזאַנג

אין מיר אַנפּאַרטרויעט מיט אַ רואיק געמיט,
מיט מיר אין זייער לויטערקייט באַלויכטן,
זיי גיב איך דעם נעקטאַר, די זאַלבונג
פון יאָגים וואָס זענען מיט מיר שוין.

אין האַרץ וואָס באַגערט מיך,
וואָס זוכט מיר מיט גליאיקע ליבשאַפט —
דאָרט פלעמלען די לאָמפּן פון חסד, דערבאַרעם,
פון טרייסט און בטחון, עקשנות און גבורה,
וואָס זענען פון מ י ר אָנגעצונדן;
איך היט זיי, באַוואַך זיי, דערלאָזט ניט זיי אויסגיין —

ווייל איך בין דאָס לעבן
און אַלץ וואָס אין לעבן
איז מ י י ן און איז אייביק,
אומפאַרגיינגלעך ווי א י ך.

אַרזשונאַ:
בראַהמאַן ביזטו — גאָר אַ ל ה ע כ ס ט ע ר;
פאַר חכמים — די קדושה אומגעהייער איבער קדושה,
פאַרן געטלעכן נאַראַדאַ —
אומגעבוירן, אומפאַרגיינגלעך,
א ו מ ע ט ו ם.

דיינע וואונדער ווידערהאַלן אין הייכן
דעוואַלאַ, וויאַסאַ און אַסיטאַ [3]
איצטער הער איך זיי אין דערהויבענע געזאַנגען.

ווי דיין חכמה איז דאָס אמת, אַ קרישנאַ!
נאָר קיינער ניט, טיטאַן און דעוואַ,
פון די מעכטיקע, די הימלשע, צעשיינטע,
קען פאַרשטיין, באַנעמען דיין פאַרמעסט.

---

3) גרויסע חכמים.

דאָס צענטע געזאַנג

בלויז נאָר די קענסט זיך־אַליין
פון ז י ך ־ א ל י י ן,
קוואַל פון גאָר־דאָס־זיין, פון אַלדאָס־זיין דער האַר;
פון ליכטיקע, גאָר־ליכטיקסטע — די ליכטיקייט;
געוועלטער, איבערוועלטיקער, באַוועלטיקער פון אַלץ

דערקלער מיר, אַ מאַהאַטמאַ, ווי־אַזוי
די ביזט צעפּעכערט אינם סכום פון דיין פילאַרטיקייט
וואָס זינגט, דרינגט־דורך
און פילט אָן די דריי וועלטן?
וואו און ווי־אַזוי, פאַרטראַנט אין התרוממות,
קענסטו מיר אויפקלערן אַלע כוחות, אַלע וואונדער,
אַלע פאַזן פון דיין טבע אין די וועזנס, אַלע זאַכן?
וויפיל טענער, קאָלירן
פון דיין מעכטיקער געשטאַלטיקייט
קען איך אויפנעמען, הערן און פאַרשטיין?

סרי קרישנאַ:

זיי געבענטשט, אַ אַרזשונאַ,
דיר אַליין זאָל קלאָר־ווערן דאָס ניט־דערקלערטע,
די אַלזייטיקייט פון מיין צעפּלייצטע,
פילאַרטיקע טבע;
אין עיקר־שטריכן בלויז קענסטו אויפנעמען אין זיך
די וואונדער אויסגעשפּרייטע פון מיין אין־סופיקייט—
קיין ענד איז נישטאָ צו די פּרטים פון מיין נאַטור.

איך בין אַטמאַן, פאַרוועבט אין יעדנס לייב;
דער אָנהויב, די לויפיקע יאָרן
און אויך די ענד בין איך;

איך בין ווישנו און די זון פון זונען,
אויך מאַריטשי — האַר פון ווינטן;

צווישן שטערן — די לבנה,
פון די וועדאַס — סאַמאַ־וועדאַ בין איך [4].

איך בין אינדראַ — שר פון הימל [5],
מאַנאַס — דאָס געמיט פון די חושים,
דאָס פאַרשטאַנד פון די וועזנס בין איך.

איך בין שיוואַ, דער גייסט פון פייערן
און דער האַר פון אַלדאָס עשירות,
שאַנקאַראַ פון די הימלשע וועזנס,
מערו פון די בערגער־שפּיצן
און פון וואַסערן — דער ים בין איך.

איך בין דער אויפנעמער פון תפילה,
בריגו — דער ז ע ע ר פון די רישים,
אָם — די געהייליקטע שפּרוכזילב,
די שבועה, די דערפילונג
און פון זאַכן אומבאַוועגלעכע — הימאַלאַי.

איך בין אַסוואַטאַ פון דיביימער [6],
נאַראַדאַ, דער געטלעכער חכם,
טשעטראַראַטאַ, פון די הימלשע זינגער
און קאַפּילאַ, וואָס איז שלמותדיק און עכט.

דערקען מיך צווישן פערד דער אוטשיסראַוואַ,
וואָס איז געבוירן אין טייכן פון נעקטאַר;
פון די פרינצלעכע עלפאַנטן — אייראַוואַטאַ
און פון מענטשן — דער מאָנאַרך.

איך בין דער דונערבליץ פון וואָפן,
די באַהעפטונג פון מינים

4) דאָס וועדאַ־געזאַנג.
5) גן־עדן.
6) דער עץ־הדעת.

קאַמאַדעג פון צווישן רינדער [7],
און וואַסוקי — גאָט פון שלענג בין איך.

איך בין נאַנטאַ, דער נחש הקדמוני [8],
דער האַר וואַרונאַ — פון די וואַסערן,
אַריאַנאַ — דער עלטסטער פון די אָבות
און יאַמאַ — די וואָגשאָל פאַר מעשים בין איך [9].

איך בין פּראַלאַדאַ — גיגאַנט פון די נידערוועלטן,
פון די אויסמעסטער — די צייט,
פון די פעלד־חיות — דער לייב,
פון די פייגל — ווישנו׳ס אָדלער בין איך.

פון די רייניקער בין איך דער ווינט,
ראַמאַ — דער טרעגער פון געווער,
דער טיגערפיש פון פיש,
פון טייכן — דער גאַנגעס בין איך.

איך בין דער אָנהויב פון יצירה,
די ענד און דער מיטפּונקט,
פון וויסן דאָס וויסן
און די צונג פון לשונות בין איך.

איך בין דער אַלף פון די אותיות,
די צווייאיקייט פון זאַכן,
די צייט וואָס האָט קיין סוף ניט,
דער יסוד און די זיילן,
מיט פנימער אַרומונאַרום.

איך בין דער פאַרשלינגער פון די מינים,
אויך דאָס שטראָמיקע לעבן;

7) די קו פון שפע.
8) די אור־חכמה.
9) דער טויט.

איך בין די פּרעכטיקייט פון ווערטער,
זכרון און חשיבות, דער גלאַנץ און שכל,
די צניעות, די ווייבלעכע מידות,
אויך סליחה, עקשנות בין איך.

איך בין די הימנען פון סאַמאַ־וועדאַ,
אין ליד — די מאָס און דער ריטם,
צווישן חדשים — מאַרגאַשירשאַ [10],
פון זמנים — דער פרילינג בין איך.

איך בין די שפּילצייג פון נאַראָנים,
די כוחות אינם גיבור, סבלנות, נצחון
און די ערלעכקייט פון ערלעכן בין איך.

איך בין קרישנאַ צווישן דעוואַס,
צווישן נאָבעלע — אַרזשונאַ,
וויאַסאַ — צווישן חכמים,
פון פּאָעטן — דער אינספּירירטער אושאַנאַס
בין איך.

פון די מינים, אַ אַרזשונאַ,
איך בין עס דער אייביקער זאָמען
און גאָרניט, באַלעבט צי ניט,
איז אויסער מיר פאַראַן.

קיין ברעג ניט, קיין אָפּצאָם, קיין אויסלאָז,
קיין אויפהער, קיין גבול צו מיין אויספליייץ;
אַ פאַראַנטאַפאַ, אָן אַ מאָס, אָן אַ מספר,
וואָס מאַכט נאָר אָנען פון עפּעס,
ווי טראָפּן — די טיפן פון ים.

10) דער בעסטער חודש אינם הינדו־קאַלענדאַר.

דאָס צענטע געזאַנג

צו וואָס, אַ באַליבטער, אינם אומגעהיירן סכום
מיך קענען?
דו ווייס נאָר — א י ך ב י ן
בלויז איין טײלכל פון מיין אָטעם
דערהאַלט די וועלט א י נ אַ ל.

סוף פונם צענטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די קאָסמישע זעאונג

אַרזשונאַ:

מיט גרויס רחמים האָט גערעדט צו מיר
דיין מיסטיש וואָרט
פונם פאַרהוילענעם סוד אין אַלהעכסטן בראַהמאַן,
צערונען ווערט דער נעפּל פון מיינע פינצטערנישן
און די ליכט פון חכמה פאַריאָגט מיין אומווּיסנהייט.

די געבורטשאַפט און דאָס פאַרגיין פון אַלע זאַכן,
דאָס ווערן און דאָס זיין, אַ לאָטוס-אויג,
פאַרנומען האָב איך קוים,
ווי דיין פּראַכט אומעטומיקע,
דיין אומפאַרגיינגלעכקייט.

האַר אַלמעכטיקער,
ס׳איז קלאָר און וואָר וואָס דו האָסט פון זיך געמאָלט
און אויסגעזונגען, אַ בעסטער פון אַלע וועזנס,
נאָר אויב איך האָב אַ זכות און בין אויך ווערדיק —
באַווייז דיך צו מיר אין דיין אַטמאַן
וואָס איז א ו מ ע ט ו ם פאַראַן.

סרי קרישנאַ:

פאַרנעם, אַ פּרינץ, אַ פורעם פון מיר
הונדערט-פאַכיק, טויזנט-פאַכיק,
מיט נעמען, געשטאַלטן אַלערליי
פון לויטערקייטן איבערערדישע, ניט-באַגריפענע,
אין טענער, קאָלירן צעגלעקערטע,
אונאויפהערלעכע;

דאָס עלפטע געזאַנג

פאַרנעם די אַדיטיאַס, די וואַסוס, די רודראַס,
אויך די אַשווינס און די מאַרוטס [1];
נעם אויף די פילאַרטיקע וואונדער,
אַ דו, פון אַפשטאַם בהאַראַטאַ,
נאָך קיינמאָל ניט געזען פון וועמען
און נאָך קיינמאָל ניט אַנטפּלעקטע.

דאָ און שוין זאָלסטו באַנעמען די וועלט אינאַל,
מיט אַלץ וואָס איז פאַראַן, באַלעבט און ניט־באַלעבט,
אין א י י נ ס באַ מיר, אין מיר, פון מיר
און זע וואָס אַטמאַן איז.

נאָר ניט דאָס מענטשלעך אויג
קען אויפנעמען אין מיר דעם פולן צעבלענד,
איז גיב איך דיר די געטלעכע העלזע —
פאַרנעם און קוק מיט די אויגן פון יאָג.

סאַנזשאַיאַ:

נאָך די דאָזיקע רייד, אַ קעניג,
האָט קרישנאַ, דער האַר געבענטשטער,
אומשטערבלעכער מאַהאַטמאַ פון יאָגאַ,
דורך זייער געהיימע ניט־פאַרשטאַנענע כוחות,
אַפּגעדעקט פאַר אַרזשונאַ און אויפגעוויקלט
זיין קאָסמיש, אַלוועלטלעכן פורעם
און אויסגעהויכט און איום'דיקע פּחדים,
איבערוועלטיק, אינערוועלטיק, זיין פורכטיקן וועזן;
מיט מיילער אָפענע פאַר אַלע לשונות,
מיט אויגן אויפגעלויכטענע, אַנגעצונדענע,
מיט וואונדער־געשטאַלטן אָן ציפער, אָן צאָלן,
אין זעאונגען, וויזיעס פלאַים'דיקע;

1) געטלעכע וועזנס פון הויכע מדרגות.

דאָס געטלעכע ליד

מיט האַלדזבענדער אַלע, שנורן אָנגעהאָנגענע,
מיט הימלשע צירונגען באַפּוצטע, אויסגעצירטע,
מיט געטלעך כלי־זיין אַרומגאַרום אַנטבלויזט
אין אויסגעשטרעקטע אָרעמס,
באַקליידט אין שלייערס, גאַרלאַנדן —
אַ באַזאַלבטער, באַקרוינטער, באַלאָרבערטער,
אַלוואונדערדיק, אין־סופיק,
מיטן פּנים געווענדט אומעטום.

ווי טויזנט זונען וואָלטן פּלוצים אויפגעגאַנגען —
געווען איז פון אים דער צעבלענד.

און פּאַנדאַוואַ־פּרינץ האָט פאַרנומען
גאָר דעם אוניווערז אינאַל,
אין וועלטן אין־לשער איינגעטיילטע
צעטיילטע און אָפּגעטיילטע,
לויט שטייגערס, מדרגות, מזלות,
מיט גאָר דעם סכום און סך־הכל אין א י נ ס —
פאַרפּלאָנטט, צעפּלאָנטט, צעפּעכערט
און אויסגעפּלייצט
אין פּורעם פון דעם וואָס איז דערהויבן,
דערהויכט איבער אַלע געטער.

אַרזשונאַ, דערשטוינט און פאַרציטערט
און דורכגענומען מיט גרויס פּחד און פורכטיקייט
פון די זעאונגען אין זעאונגען אויפגעגאַנגענע,
האָט געקוקט איבערגעוועלטיקט,
די האָר פון קאָפּ פאַרשפּיצט און פאַרגליווערטע,
אויפגעשטעלט פון שרעק.

אין גרויס ציטערניש, אין פאַרהערלעכונג,
באַטראַכטנדיק אין פאַרגעטערונג,

דאָס עלפטע געזאַנג

האָט זיך הכנעה׳דיק געבראָכן,
פאַלנדיק אויף זיין פנים און זיך פאַרגאַנגען,
די הענט פאַרלייגטע אין עקסטאַז.

אַרזשונאַ:

אָ מיין גאָט!
אין גוף דיינעם זע איך אַלע געטער
און די ווימלונגען פון אַלע מזלות,
די חכמים, די שרפים, די רישים,
בראַהמאַ אויף זיין לאָטוס-טראָן.

מיט אָרעמס, מיילער, אויגן, אברים אָנצאָליקע,
זע איך דיך צעוויקלט אומעטום און אויסגעשפרייט,
נאָר ניט ס׳איז ערגעצוואו פאַראַן דיין אָנהויב-ענד
און ניט דיין שטאַם.

אַ צעבלענדעטער, ווי שפּיגלען אָנגעצונדענע,
מיט סצעפּטער, שילד און טיאַראַ פון דיין מעכטיקייט,
מיט זון-קאָראָנאַס, אָרעאָלן אָן אויפגעגאַנגענער —
דורך הימלען איבער הימלען אָן אַ סוף.

אומפאַרגיינגלעך און העכער פון מחשבה,
איבער רוימען און אַריבער אַ צעשטראַלטער,
וואַכנדיק מיט אייפער איבער חוק און סדר —
אוראַלט אין דער וועלט.

געבורטלאָז, טויטלאָז, אָן פאַרוועלקונג,
מיט כוחות טיטאַנישע,
מיט זונען, לבנות שימערנדיק אין די אַפּלען,
זע איך דיין געשטאַלטיקייט
אין פייערן גאָר-פורכטיקע
פון יעדער זייט.

דאָס געטלעכע ליד

מיט דיר אַליין זענען אָנגעפּילט
די הימלען, די ערד, די צווישנרוימען;
די דריי וועלטן וואַקלען זיך, זינקען
אין אָנבליק פון דיין אימה׳דיקער ליכטיקייט.

תּפילה׳דיקע פלאַטערן אין דיר די דעוואַס
מיט איינגעבויגענע קעפּ און הענט צענויפגעלייגטע;
די רישים, די סידהאַס אין הימנען ניט־געהערטע,
זינגען דורך אַלע וועלטן: „הייליק! הייליק! הייליק!״

רודראַס, וואַסוס, דאַדיאַס און אַדיטיאַס,
ווישוואַס, אַשווינס, אושמאַפּאַס [2];
אויך גאַנדאַרוואַס און אַסוראַס [3]
וואָס צאַפּלען זיך פון אימה דורכגענומען.

דיין קאָסמישער פּורעם
מיט אויגן, מיילער, הענט, פיס און בייכער אָנצאָליקע,
מיט ציינער קריצנדיקע שאַרפע,
פאַרגליווערט די וועלט, מיך אויך.

צעדונערט, צעברילט, אויפגעפינעט,
צעפלאַכטן אין טענער פילפאַרביקע,
קנויליק, ספּיראַליק, אַרויף און אַרונטער,
פון ווייטקייטן און פון דער נאָענט,
מיט אויגן אויפגעגליטע;
מיין וועזן, דאָס זעענדיק, לייזט זיך אויף,
מיין כח צאַנקט, אָ ווישנו, אויך מיין רו.

ווי בערגער אויפגעטרייסלטע קראַכן דיינע ציין
צווישן אויפגעפלאַמטע שייטערס אין גרויסן יום־הדין

---

2) דערהויבענע וועזנס.
3) שלעכטע גייסטער.

דאָס עלפטע געזאַנג

און קיינער זעט ניט פאַר זיך קיין אַנטרינונג —
דערבאַרעם דיך, אַ רחמים׳דיקער גאָט!

די זין פון דריטאַראַשטראַ און מיט זיי
די מלכים, לאָרדן און הערשער פון דער ערד:
בישמאַ, דראָנאַ, סוטאַ׳ס קעניגלעכער פּרינץ,
קריגער פיינטלעכע און פריינט —

יאָגן זיך מבולבלע און צעטומלטע אין דיר
דורך צייניקע קינבאַקן, פּחדים׳דיקע,
זיי פאַלן מיט אימפּעט ביזן לעצטן
אין די קראַטערס פון דיין גרויליקן שלונג
צעקייטע, צעמאַלענע אויף דרויב.

ווי שוימיקע וואַסערפאַלן שטראָמען צום ים,
אַזוי טראָגן זיך צו דיר די פאַרשווינקטע
מושלים און האַרן פון דער ערד.

ווי מאָטן פאַרבלענדעטע פלאַטערן צום טויט,
וואָס לויערט באַהאַלטן אינם פלאַם,
אַזוי ווערן זיי צעמישטע פאַרשלונגען אין דיר.

אַנטפּלעק דיין געשטאַלט פון גנעדיקייט
און נעם אַוועק, פאַרהויל פון מיר דעם גרויל!
אַ דו, געהייליקטער, אַלהעכסטער איבער אַלע,
באַווייז דיך ווידער ווי אַ פריינט.

סרי קרישנאַ:
איך בין די צייט וואָס מאַכט אַלץ חרוב,
איך שטיי דערביי ווען די וועלט צעפאַלט;
קיין איינער ניט פון די אָנגעגורטע קריגער
קען פאַרמיידן טויט, נאָר דו אַליין.

דאָס געטלעכע ליד

דאַרום שטיי־אויף, געווין און ווער באַרימט!
באַזיג דײַן פֿײַנט און נעם זײַן לאַנד און האָב;
זיי זענען שוין געפֿאַלענע בײַ מיר,
נאָר דו, וואָס צילסט מיט בײדע הענט,
מאַך זיי מײנען אַז דאָס האָסטו געטון.

דראָנאַ, בישמאַ און זשאַעדראַטאַ,
אויך קאַרנאַ און אַלע קריגסלײַט דאָ —
פֿאַרניכט זיי מיט דײַן געוואַגטן מוט
און וויש די שונאים אָפּ וואָס זענען דיר אין וועג.

סאַנזשאַיאַ:

הערנדיק די ווערטער פֿון קעשאַוואַ,
האָט אַרזשונאַ, באַקראַנצט מיט אַ דיאַדעמע,
קניענדיק מיט צעגויפֿגעלעגטע אָרעמס,
ווידער גערעדט צום אַלבאַנעמענדיקן
מיט ציטעריקע ליפּן פֿאַר אימה,
האַלטנדיק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

אַרזשונאַ:

באַוועלטיקער פֿון חושים,
די וועלטן זענען פֿול מיט ליבע צו דיר,
פֿאַר וועמען אַלע בײזע כוחות אַנטלויפֿן אין שרעק;

נאָר קיינער קען זיך פֿאַר דיר ניט אויסבאַהאַלטן,
דו, וואָס ביזט דער ערשטער פֿון סיבות,
אומשטערבלעכער, געצעלט פֿון וועלטן,
האַר דערהויבענער פֿון דעוואַס —
דער זײַענדיק־ניט־זײַן וואָס א י ז.

ביזט ערשט און עלטער פֿון אוראַלט
און גאָר די אַלוועלט איז אין דיר פֿאַרוויקלט;

דאָס עלפטע געזאַנג

ו ו י י ס ע ר , אַלבאַוואוסטער אין די הימלען,
ניט פאַרענדערט אין פאַרענדער, וואָס איז אייביק.

אַ וועזן מעכטיקער, אַלמעכטיקער,
דערהויבענער און גרעסער נאָך פון בראַהמאַ,
מיט מראה׳ס, געשטאַלטיקייטן אין־סופיקע,
פון וועמען אַלצדינג קוועלט, שטראָמט,
פליסט און פלייצט און זאַמלט זיך איין צוריק;

ביזט וואַיו — גאָט פון ווינטן
און אַגני, דער גאָט פון פייער;
ביזט יאַמאַ, האַר פון טויט און אויך וואַרונאַ —
פון די וואַסערן דער האַר;

זיי געבענטשט, געלויבט, געאַכפּערט,
געגרויסט, געהייליקט, געהערלעכט,
דו, וואָס ביזט דערהויכט,
דערהויבן איבער אַלע וועלטן;

זיי געהייליקט איצט און אַלע אייביקייטן,
אַ טויזנט מאָל און מער נאָך פון טויזנט,
ווידערהאָלט ווידער און ווידער
אַלע תקופות און צייטן
און טראָגן זאָל זיך טראָגן די שירה פון לויב
התלהבותדיק פאַר דיר, צו דיר, אַרום דיר
פון אַלע פאַרהוילענישן, אַנטפּלעקונגען,
אַ דו, גאָט פון געטער, זייענדיק אין אַלץ
און פון אַלע זאַכן דער טראַכט

מאַכט אומענדלעכע פון גבורות אומפאַרצאַמטע,
אַ גאָווינדאַ, אַ קרישנאַ, פריינט —
צו דיר ווי צו אַ שטערבלעכן חבר
האָב איך מיך דערנעענט,

דאָס געטלעכע ליד

נישט באַנעמענדיק ווער און וואָס דו ביזט,
ניט דיין מלכות׳דיקייט, ניט דיין התרוממות!

און בין איך ווען אַמאָל געווען דיר דערווידער
אין רו, אין שפּיל, געניסנדיק פון דיין גאָב,
אליין און אויך זייענדיק מיט פריינט —
אַ גנעדיקער, פאַרגיב!

פאָטער פון וועלטן באַוועגלעכע, ניט-באַוועגלעכע,
נישטאָ צו דיר קיין ענלעכקייט אין ערגעצוואו;
איך קני פאַר דיר הכנעה׳דיק און בעט:
מיין פאָטער זיי און אויך מיין פריינט.

איך האָב פאַרנומען וואָס קיינער-ניט ביז איצטער,
איז גרוים מיין זכות און אויך מיין פחד גרוים;
ווי פריער באַווייז דיך אין דיין דערבאַרעמקייט.

סרי קרישנאַ:

אַ ארזשונאַ, דו אליין פון צווישן שטערבלעכע
האָסט אויפגענומען מיט יאָגאַ-אויג
אין מיין פורעם אלהעכסטן די געהיימען פון דער
וועלט.

ניט וועדאַס, מזבחות, ניט וועלטלעכע מעשים,
ריטואַלן, נזירות, פאַרטיפטע לומדות
וועלן אויפדעקן פאַרן מענטש דעם פּרוכת
פון מיין געטלעכקייט, חוץ דו,
אַ בעסטער פון די קורום.

נאָר ווער ניט צעטומלט און ציטער ניט
פאַר די אויפגעדעקטע, הימלשע זעאונגען;
פאַרטרייב פון זיך די אומזיסטע שרעק
און זע מיך ווידער אין מיין באַרוטע נאַטור.

דאָס עלפטע געזאַנג

סאַנזשאַיאַ:

דאָס זאָגנדיק, איז וואַסודעוואַ
ווידער דערשינען אין זיין יוגנטלעכע מראה
און טרייסטנדיק דעם פאַרציטערטן טשעלאַ [4]
האָט דער עקזאַלטירטער מאַהאַטמאַ
אָנגענומען זיין פריינטלעכע געשטאַלטיקייט.

אַרזשונאַ:

ווידער באַנעם איך דיין מענטשלעכן פורעם,
אַ קרישנאַ, די שמייכלענדיקע אויגן
וואָס שטאַרקן, דערמונטערן און וועקן;
איצט פיל איך מיך פריש און באַרואיקט.

סרי קרישנאַ:

מיין פורעם פון וועלטן
וואָס דו האָסט געזען דורך יאָגאַ —
איז שווער צו באַנעמען.
די רישים, די דעוואָס ווייסן און באַגערן,
נאָר קענען מיין פורעם ניט זען.

וואָס דו האָסט פאַרנומען,
דאָס קען איך ניט ווייזן
צו יענע וואָס לערנען די וועדאַס,
וואָס פאַסטן תעניתים,
וואָס טיילן מתנות און רויכערן בשמים.

צו דעם נאָר וואָס אָטעמט מיט רחמים,
וואָס ווייסט ניט פון פיינטשאַפט,
וואָס קרעפטיקט דעם שוואַכן
און איז ניט צערודערט פון חושים,

---

4) תלמיד.

דאָס געטלעכע ליד

ער ווידמעט צו מיר נאָר זיין תכלית —
די בענקשאַפט, די מיען, דאָס לשון,
צו אים וועל איך ווערן נתגלה,
זיך לאָזן דערקענען, אַ פּאַראַנטאַפּאַ;
אַזוינער וועט ווערן באַזעלט
און פאַראייינט אין מ י י ן ז י י ן.

סוף פונם עלפטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די יאָגאַ פֿון דערהויבונג

אַרזשונאַ:

די גלויביקע וואָס פֿילן דיך נאָענט,
צו וועמען דו אַנטפּלעקסט זיך
אין געמיט דורך דבקות און חדוה
און יענע וואָס גרויסן דיך און פֿאַרהערלעכן
אַן איינגעהילטן אין טיפֿע מיסטעריעז,
אַ אַלוויסנדיקער, וועלכע פֿון ביידע
פֿאַרשטייען זיך בעסער אין יאָגאַ?

סרי קרישנאַ:

אַזוינע וואָס איך בין זיי נאָענט,
זיי זענען אין מיר זיך מתכוון
מיט טרײשאַפֿט, עניוות,
זיי טוען מיין געטלעכן ווילן
און רעדן צו מיר דורך אמונה —
זיי זענען מיר הייליק און קענען מיך בעסער.

יענע וואָס גרויסן מיך און פֿאַרהערלעכן
אינם גאָט־אין־סופֿיקן,
דעם ניט־פֿאַרענדערטן,
דעם ניט־באַוועגלעכן,
דעם ניט־פֿאַרשטאַנענעם,
דעם ניט־דערגרייכלעכן,
דעם ניט־דערנעענטן,
דעם ניט־באַנאָמענטן,
פֿאַרבאָרגענעם;

דאָס געטלעכע ליד

וואָס פאַרגעטערן מיך מיט קלוגשאַפט,
מיט לויטערע, שטילע געמיטער,
באַהערשט אינדערמיט פון די ברויזן,
מיט די חושים און גלוסטן פאַרצאַמטע;
זיי ברײנגען פאַרלייכטער און טרייסטן
צו יענע וואָס דאַרפן אַ טרייסטוואָרט,
אַ זיכערע האַנט פון באַשיצונג;

זיי מיען זיך שעפעריש, ערלעך
און שטאַרקן דאָס הארץ פון די שוואַכע,
זיי פילן ווי אייגן דעם צער פון די נויטן —
אויך ז י י וועלן מיך קענען.

נאָר שווער איז דער גאַנג פאַר אַזוינע,
וואָס זוכן מיך אַרום אין מחשבה
און ווילן דערגרונטעווען מיין מהות
מיטן שכל באַגרענעצט אין מענטשן,
ווען איך בין דערהויבן און העכער פון השגה.

די אויפגעפלאַמטע אין זייער אינוועלט
פון מיין וועזן אויפגעגאַנגענעם,
דעם ליכטיקן און ממשות׳דיקן;
וואָס מיען זיך אין זייער גלויביקייט
און טוען זייערע טואונגען באַשערטע
אין מיין נאָמען געגרויסטן, אַלבאַוואוסטן;
זיי ווידמענען זיך מיר מיט הארץ
און גייען אין אַליינזאַמקייט,
געהייליקטע אינם ווייסן פון יאָגאַ —

זיי בין איך ערב
אַז אויפהויבן וועל איך זיי אינגיכן
און מציל-זיין פון די פחדים׳דיקע כוואַליעס

דאָס צוועלפטע געזאַנג

אין ים פון אונטערגאַנג און טויט
און פון די צער׳פולע גלגולים אין לעבן.

פאַראייגן דיך אין מיר
מיט גאָר דיין געמיט דורך אמונה,
דורך דבקות און דערהויבענע מחשבות
און שטרעק דיך אַ דורשטיקער, אַ פאַרבענקטער
צו מיין תחיה׳דיקער קוואַליקייט
צו מיין דורכזיכטיקער לויטערקייט,
צו מיין שטראַליקע אַלהעכסטע קדושה

אַזוי־אַרום, אַ אַרזשונאַ, וועסטו זיך דערנענען
צו מיר אויף שטענדיק און וואוינען וועסטו
אין אַלע מיינע וואוינונגען, דאָ און אומעטום —
איך בין עם דיר מבטיח.

אויב אָבער דו קענסט זיך נאָך־ניט
איינגאַנצן אין מיר איינזאַפּן,
באַפליגל דיך אין דיין גלויביקייט
און פלאַטער פון מחשבה צו מחשבה
אין די זעלישע טיפקייטן צו דערגרייכן מיך.

אויב דו קענסט דאָס אויך ניט —
באַהיט דיינע טריט פון שטרויכלען
און טראָג אין זיך די לעבעדיקע אמונה
ווי דו טראָגסט מיין פייער אין דיינע אברים
און מי דיך אין נאָבעלע, פאַסיקע מעשים,
אַזוי אַז ס׳זאָל מיר וואוילגעפעלן,
ווייל שיינקייט און גוטע מידות
וועלן דיך אויסאיידלען און באַזעלן
און העלפן דיך אָנקומען צו מיר.

דאָס געטלעכע ליד

אויב אויך דאָס איז פֿאַר דיר שווער —
פֿאַרלאָז דיך אויף מיר אינגאַנצן
מיט דיין געמיט, דיין בטחון און גלויביקייט
און רייניק דיך פֿון אומריינע גלוסטונגען,
וואָס בריען יסורים מיט ערגערנישן
און פֿירן צו יאוש און אונטערגאַנג.

ווידמע מיר דיין מי און מעשה
געטריי, אָן וואַקלענישן
און טו וואָס דו קענסט אין מיין נאָמען,
אָן פּניות, אָן אייגנזיכטיקייט.

פֿאַרטיפֿט זיין אין חכמה
איז העכער פֿון פֿרומע מנהגים און עובֿדות;
צו זיין ביחידות, געהייליקט אין ריינע מחשבֿות,
מיט דבֿקות און אינער־התלהבֿות,
איז בעסער פֿון חכמה;

נאָר אָפּשייד פֿון גלוסטונג,
פֿון רייצן, באַגערן און האַמפּער
און פֿריי פֿון פּערזענלעכע גאווה;
צו שפּאַנען דערהויבן מיט גלויבן באַלויכטן
אינמיט פֿון אַלטעגלעכע שפֿלות,
איז העכער, פֿיל העכער
און פֿירט צו דערלייזונג, צו שלמות.

ווער ס'פֿילט ניט צום צווייטן קיין פֿיינטשאַפֿט
און האַסט ניט קיין לעבעדיק וועזן,
ער אָטעמט מיט פֿרידן און מילדקייט,
מיט ליבשאַפֿט, התקרבֿות צו אַלע —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

דאָס צוועלפטע געזאַנג

ווער ס׳האַלט זיך דערווייטערט פון שקר,
באַפרייט זיך פון פאַלשע השגות,
ער נערט ניט קיין גדלות אין האַרצן,
ער האָט ניט קיין קנאה, תרעומות,
ער זעט זיך ניט אַנדערש פון אַלע,
מיט חשיבות, פאַרגעבונג צו יעדן —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

ווער ס׳גייט אַ באַשיינטער מיט אמת,
באַהערשט אין געמיט, אין די חושים;
ער רעדט ניט קיין לייכטזין
און ברעכט ניט קיין צוזאָג,
מיט מ י ר פאַר זיין פריינט און באַגלייטער —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

ווער ס׳טיילט זיך ניט אויס פון דער וועלט
און וואָס ווערט פון דער וועלט ניט פאַרשלונגען;
ווער ס׳טוט ניט צו קיינעם קיין אומרעכט
און לאָזט זיך פון קיינעם ניט צאַמען;
ווער ס׳שפאַנט אַ באַרוטער, דערהויבן
אינםווירבל פון וועלטלעכן אימפעט —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

וואָס בעט ניט, פאַרלאַנגט ניט,
איז ציכטיק, בנעימות,
באַקוועם און צופרידן
און טוט וואָס ער טוט מיט התמדה,
אָן אויפרעג אָן פילדער, אָן פניות;
ער דינט מיך מיט דבקות, מיט ליבשאַפט
און גיט מיר די פרוכט פון זיין מיאונג —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

דאָס געטלעכע ליד

וואָס שעמט ניט און שמייכלט ניט קיינעם,
וואָס פילט ניט קיין עלנט און קומער,
וואָס ווערט ניט באַווירקט פון תענוגים און דאגות,
פון אַלץ וואָס באַשערט איז —
דאָס גוטע און שלעכטע —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

וואָס האַלט זיך באַגלייך
צו זיין שונא און חבר
און נעמט אויף מיט גלייכגילט
זיין כבוד, זיין בושה,
זיין אויפקום, ירידה;
וואָס היט אָפּ מיט אייפער דאָס לשון
און ציילט זיינע ווערטער מיט קאַרגשאַפט;
ער איז צו דער ערד ניט געבונדן,
ווייל וואו נאָר ער וואַגלט,
געפינט ער זיין היים און מנוחה
און גייט אַ באַהערשטער אַקעגן
די היץ און די קעלטן —
אַזוינער איז ליב מיר און טייער.

נאָר ליכטיקע, לויטערע גייסטער,
באַזעלטע מיט יראת־הכבוד,
וואָס טרינקען מיין נעקטאַר אַמריטאַ*) —
זיי זענען מיר ליבער פון אַלע.

*) אומשטערבלעכקייט.

סוף פונם צוועלפטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דאָס פעלד און דער ווייסער פון פעלד

אַרזשונאַ:

אָ קעשאַווע, מאַך מיר קלאָר
וואָס איז פּראַקריטי און וואָס איז די פּורושאַ [1],
וואָס איז דאָס פעלד און ווער דער ווייסער
און לערן מיר חכמה, אַלדאָס־וויסן.

סרי קרישנאַ:

אונדזער גוף ווערט גערופן דאָס פעלד,
ווייל מענטש מיט זיך אין דעם שטענדיק
און דער וואָס ווייסט עס, אַ זון פון קונטי,
ווערט גערופן פון די חכמים —
דער ווייסער פון פעלד.

דערקען אין מיר דעם ווייסער פון פעלד
און פון אַלע פעלדער.

וויסן דאָס פעלד און דעם ווייסער
רוף איך אַן חכמה.

איצט הער וואָס דאָס פעלד איז,
ווי צעוויקלט, פאַרשידנאַרטיק און פאַרצווייגט,
פון וואַנען דאָס אַלץ שטאַמט אָפּ
און פונוואָס דאָס באַשטייט,
וועט דיר קלאָר ווערן ווער דער ווייסער איז,
זיינע כוחות, זיין השפעה.

1) גשמיות, רוחניות.

דאָס געטלעכע ליד

די רישים האָבן אין הימנען, לידער,
משלים און פּאָעטישע קלוגע ווערטער
אויסגעזונגען מיט גרויס קענשאַפט
די טבע פון דעם.

דאָס ערשטע איז פּראַקריטי:
דער קאָסמאָס, זיין פאַרבאָרגענע טבע
און די אויסשטראַלונג אַנטפּלעקטע;

שכל, פערזענלעכקייט, לופט,
ערד, אַקאַסאַ, וואַסער און פייער;

די צען מענטשלעכע אברים,
דער אויפנעמענדער פאַרשטאַנד [2],
די פינף לאַנקעס וואו ס'פיטערן זיך די חושים;

דער זין פונם קלאַנג, פונם זען,
פונם שמעקן, פון טעם און באַרירונג;

באַגער און דערווידער,
לייד און פריידן,
צער און פאַרגעניגנס
זכרון, כוונה, אינאיינעם מיטן גוף,
זיין גאַנצן סכום און סך־הכל
איז דאָס פעלד פון וועלכן מיר רעדן.

גוטקייט, עניוות,
ערלעכקייט, באַהערשט־זיין,
אויפריכטיקייט, פאַרגעבונג,
חשיבות און ישוב־הדעת,
דער דורשט צו וויסן,
דער הונגער נאָכן לעצטן וואָרט,

2) מאַנאַס, געמיט.

דאָס דרייצנטע געזאַנג

די גרייטקייט אים צו דינען
און נאָכגיין מיט ריינע כוונות;

אַ ריין האַרץ, אַ ציכטיקער גוף
און דאָס האָבן איבער זיך השגחה,
דאָס פֿרידלעך-באַרוטע געמיט,
פּרישה און נזירות פֿון זאַכן וואָס רייצן די חושים;

דערהויבן זיך איבער קליינלעכקייטן
און קענען די שוואַכקייט פֿון חומר;
דער אַקט פֿון געבוירן ווערן, עלטערן זיך,
פֿילן יסורים און פֿאַרוועלקונג;

די גייסטיקע שליטה איבער גופֿישער קנעכטשאַפֿט,
ניט באַווירקט ווערן פֿון ווייב, קינדער, משפּחה;

גלייכגילטיקייט צו תענוגים און אַבלות
און אויפֿנעמען אין דער זעלבער מאָס
די געווינטשטע און ניט-געווינטשטע געשעענישן;

דבקות אין מיר דורך יאָגאַ
און אויסגעליידיקט פֿון ערדישקייטן,
פֿון זייער טראַכטונג און פֿילן;

אַליינזאַמקייט, אויסמיידנדיק דעם המון
וואָס האַמפּערט און פֿילדערט זינלאָז
און ניט קומען אין זייער געמיינשאַפֿט;

שטרעבנדיק אָן מידיקייט צו פֿאַרשטיין
אין זיך די געטלעכקייט פֿון אַטמאַן,
די וויכטיקייט צו ווידמען זיך גייסטיק,
לערנען צו דערגרונטעווען עס,
דערקענען די סיבות פֿון זאַכן
און פֿאַרוואָס מ'דאַרף עס וויסן.

דאָס געטלעכע ליד

דאָס איז דערקלערט צו זיין
די חכמה וואָס דו באַגערסט וויסן
און אַלץ וואָס זוכט עס צו פאַרלייקענען,
איז אומווערדיק, אומוויסן.

איצט, אַ בהאַראַטאַ, וועל איך קלאָר מאַכן
וואָס דאַרף אין דער וועלט באַוואוסט ווערן,
ווייל ווען ד אָ ס איז באַקאַנט און פאַרשטאַנען,
ווערט מען אומשטערבלעך.

איינער, איינאיינציק איז בראַהמאַן,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב, קיין סיבה,
וואָס איז אייביק, אומפאַרגיינגלעך,
איז איבער און אַריבער ווערלטן, השגות —
דער זיין־ניט־זיין וואָס א י ז.

פון דעם איז אַרום, א ו מ ע ט ו ם
הענט, פיס, מיילער, קעפ
מיט מיליאַסן פנימער און אויגן.

דאָס אויער פון דער וועלט — אָפן צו דער וועלט,
זיך איינוויקלענדיק אין אַלץ וואָס איז דאָ.

ניט־האָבנדיק קיין חושים —
פילט עס, נעמט־אויף אַלע זאַכן.

אַן גונאַס און וואוינט אין די נטיות,
איז אין תוך און מחוץ אַלע וועזנס.

דער אָנשפּאַר און אויפהאַלטער פון אַלץ —
זייענדיק אַליין פריי און באַזונדער.

באַוועגלעך, אומבאַוועגלעך אין די לעבעדיקע
און איז אויך אין די ניט־לעבעדיקע.

דאָס דרייצנטע געזאַנג

ניט אָנצוטאַפּן, ניט צו דערפילן
און צאַרטער, איידעלער פון דער השגה
וואָס קען פון דעם ניט אַנען;

נעענטער איז עס פון נאָענט און ווייטער פון ווייטן;
אומצוטיילט און פאַנאַנדערגעטיילט
אין אַלע ברואים און זאַכן;

פאַרשלינגט און אָטעמט אויס מעשי־בראשית
אויפהאַלטנדיק די שאַפונג פון וועלטן;

די ליכט פון ליכטיקייטן
און איז ווייט איבערן חושך פון אומוויסן;

ס׳איז חכמה און דער ענין פון חכמה
וואָס דאַרף חכמה דאָס צו באַנעמען
און איז איינגעשטעלט אין אַלע הערצער.

אין קאַרגע ווערטער האָב איך קלאָר געמאַכט
וואָס דאָס פעלד איז, וואָס חכמה איז
און די ווירקלעכקייט וואָס מ׳דאַרף וויסן.

ווען דער וואָס האָט אין מיר אמונה
קען באַנעמען דאָס־אָ וויסן,
וועט קומען צו מיר אויף זיכער.

וויס, אָ אַרזשונאַ, אַז ביידע —
די פּראַקריטי און די פּורושאַ האָבן ניט קיין אָנהויב;

אַלע געמיטער און אַלע גונאַס
צווייגן זיך אויס פון פּראַקריטי,
אויך די פאָרמירונג פון גוף
און די אויסשפּראָצונג פון די חושים.

פערזענלעכע געפילן צערטלען אונדז
אויפצונעמען לייד און פאַרגעניגן.

דאָס געטלעכע ליד

פורושאַ וואָס וואוינט אין פּראַקריטי,
ווערט באַווירקט פון די גונאַס
וואָס וואָרצלען אין פּראַקריטי;

באַהעפטונג מיט זיי, איז די סיבה פון געבוירן
אין ריינע און אומריינע טראַכטן.

עדות, אויפפּאַסער, דערהאַלטער,
בעל־הנאה, געטלעכער האר,
אויך עגאָ־דערהויבענער אַטמאַן.

דער גוף איז דאָס וואוינאָרט
פון גייסט־אומפאַרגיינגלעכן —
די אַלהעכסטע פורושאַ.

ווער ס׳קען אונטערשיידן די פורושאַ
פון פּראַקריטי און די גונאַס,
אַזוינער, ווי ער זאָל זיך ניט פירן אין דער וועלט,
וועט שוין מער ניט געשפּאַנט־זיין אין יאָכן.

דער זעליש־אָנגעהויכטער קען דורך תפילה
זיך דערהויבן צו אַטמאַן;
אויך דורך באַטראַכטונגען
קען מען זיך צו ד ע ם דערנענען
און דורך יאָגאַ, מיט ליכטיקע מעשים.

די וואָס וויסן ניט פון אַנדערע וועגן,
דינען גאָט ווי די אָבות האָבן זיי געלערנט.

ווען אָפּגעהיטע, גאָט־פורכטיקע
פירן זיך אינם דאָזיקן שטייגער,
וועלן זיי אויך איבערשפּאַנען
דעם תהום פון טויט, וואָס וועט מער
אויף זיי ניט האָבן קיין שליטה.
אַ פּרינץ פון די בהאַראַטאַס,

דאָס דרייצנטע געזאַנג

ווייס אַז אַלע וועזנס, מיט לעבן
און אָן לעבן, ווערן געבוירן
דורך דער באַהעפטונג פונם פעלד
מיטן ו ו י י ס ע ר, פּראַקריטי מיט פּורושאַ.

ווער ס׳זעט דעם גייסט אַלהעכסטן
טראָגנען אומשטערבלעך אין דער שטערבלעכקייט —
איז אַ ח ו ז ה, ער זעט באמת.

ווער ס׳באַנעמט אַז ע ר, דער אומעטומיקער,
אין וועמען דער סכום פון דער אַלוועלט
אָטעמט, לעבט, באַוועגט זיך,
איז תמיד אין אים און דערביי
און ער פאַרשעמט אים ניט,
פאַרוויקלט ניט מער נאָך
דאָס פּנים פון אַטמאַן
אין די שלייערס פון זיין פּערזענלעכקייט,
אַזוינער וועט דערגרייכן אצילות.

ווער ס׳זעט די מי און מעשה,
יעדער תנועה, קער און ווענדונג
באַווירקט בלויז פון פּראַקריטי,
איז אינער־באַלויכטן.

דער גייסט אומשטערבלעכער אַטמאַן
איז העכער און איבער התחייבות.

ווער ס׳זעט אַלע צעטיילטע וועזנס,
אַלע באַזונדערע שאַפונגען,
פאַרצווייגט אינם איינציקן שטאַם
און פון דאָזיקן שטאַם אויסגעצווייגטע,
אַזוינער וועט אויך אַליין געפינען
זיין שטאַם־איינאיינציקן בראַהמאַן.

דאָס געטלעכע ליד

זייענדיק אָן אַנהויב,
אומפאַרענדערלעך
און פריי פון גונאַס,
דער איך אַלהעכסטער —
כאָטש וואוינענדיק אין שטערבלעכן וועזן
פון דער פערזענלעכקייט, אַ זון פון קונטי,
איז נישט פאַרמישט אין עסקים,
איז צו קיינעם ניט אַנגעבונדן
און די מעשים פון דער וועלט
האָבן אויף א י ם ניט קיין השפעה.

ווי די אַקאַסאַ,
דורכדרינגנדיק אַלע זאַכן,
ווערט ניט אָנגעזאַפּט פון זיי
און איז ניט פאַראומרייניקט,
אַזוי איז אַטמאַן,
וואָס וואוינענדיק אין אַלעמענס גוף,
ווערט אין אים ניט אויפגעלייזט
און ניט אָנגעזאַפּט מיט זיין ריח.

מיט דער ליכט פון דער איינציקער זון
איז באַשטראַלט ערד און הימל,
אַזוי איז פונם איינציקן ו ו י י ס ע ר
דאָס פעלד אויך באַלויכטן.

די וואָס זעען מיט די אויגן פון חכמה
ווי אַנדערש דאָס פעלד איז פון ו ו י י ס ע ר
און ווי דער מענטש קען פריי־זיין פון פראַקריטי,
אַזוינע האָבן דערפילט זייער התחייבות
און פרייע, דערלייזט פון קאַרמאַ,
קומען זיי צום גייסט אַלהעכסטן.

סוף פונם דרייצנטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די דריי גונאַס

פרי קרישנאַ:

איך קום דיר ווייטער קלאָר מאַכן די חכמה
וואָס איז העכער פון אַלע חכמות.

די רישים און די מאַנוס
וואָס האָבן עס קלאָר באַנומען,
זענען דורכדעם געלייטערט געוואָרן
און זיך אויף תמיד באַפרייט
פון די קאַרמישע בענדער
אין דער ראָד פון גלגולים.

די יחידי־סגולה האָבן געלעבט אין דעם
און אַזוי־אַרום זיך אַריינגעזיפּט
אין דער הייליקייט פון מיין טבע.

אַפילו אין אַ אָנהויב פון רונדן,
ווען אויפגעלויכטן ווערט אַ נייער בראשית,
נידערן זיי ניט אַרונטער מיטן שטראָם
פון די אויפסניי־אויסגעוואַרעמטע לעבנס
און ניט זיי ווערן צערודערט און באַווירקט
פון דער ענדלעכער אויפלייזונג,
ווען אַלץ ווערט צוריק איינגעזאַמלט
אין די פאַרבאָרגענע רויִגן פון לעבן.

מיין טראַכט איז די אומגעהייערע פּראַקריטי,
וועלכע איך באַפרוכפּער מיט די זאָמען פון לעבן,
פון דעם, אַ בהאַראַטאַ, קומען אויף אַלע וועזנס.

דאָס געטלעכע ליד

דאָס לעבן איז פּילפּאָרמיק
און גרוים איז די צאָל
פון די שוואַנגערנדיקע טראַכטן,
אַ זון פון קונטי,
אָבער דער טראַכט פון אַלע טראַכטן
איז פּראַקריטי און איך,
דער פּאָטער וואָס באַפּרוכפּער.

סאַטוואַ, ראַזשאַס און טאַמאַס[1]
זענען די גונאַס אויסגעפּלייצטע פון פּראַקריטי;
זיי פענטן אין גוף, אַ מעכטיקער אָרעם,
דעם אומשטערבלעכן תושב.

דער לויטערער אויפלויכט פון סאַטוואַ
איז איינציק פון די דריי גונאַס,
וואָס קען זיך דערהויבן צו זעען אַטמאַן
דורך פריד און זעלישע רוען,
דאָך בינדט עס דורך שטרעבן
צו ערדיש גליק און וויסן.

ראַזשאַס — באַוועגונג און אומרו,
באַגערט פאַרגעניגנס און וואָוילטיק,
עשירות און וועלטלעכן אָנזען;
דאָס יאָגט זיך און ווייסט ניט קיין אָפּדאַך
און בינדט מיט דער גלוסטונג צו טאַטן,
אַ אַרזשונאַ.

טאַמאַס — אומוויסן און טעמפּקייט —
פאַרפירט און פאַרשלעפערט דעם מענטשן
און בינדט אים מיט פוילקייט און גליוווער,
אַ בהאַראַטאַ.

1) די דריי מענטשלעכע נטיות

דאָס פערצנטע געזאַנג

דער כוח פון סאַטווא
געוועלטיקט אין דעם וואָס איז גליקלעך;
דער אימפעט פון ראַזשאַס
באַהערשט די צעברויזטע געמיטער;
די שליטה פון טאַמאַס, אַ מעכטיקער אָרעם,
פאַרוויגט זיי אין עצלות, אין גליווער
און לעשט דעם פאַרשטאַנד און זכרון.

ווען סאַטוואַ איז שטאַרקער
פון ראַזשאַס און טאַמאַס,
איז שטאַרקער דער הונגער
נאָך גליק און נאָך וויסן
וואָס דאָס איז די בענקשאַפט פון סאַטוואַ;

ווען ראַזשאַס איז שטאַרקער
פון סאַטוואַ און טאַמאַס,
צעפלאַמט איז די קנאה, די גלוסטונג,
וואָס דאָס איז אומרו פון ראַזשאַס;

ווען טאַמאַס איז שטאַרקער
פון ראַזשאַס און סאַטוואַ,
געוועלטיקט די טעמפקייט,
דאָס גראָבע אומוויסן,
וואָס דאָס איז די טבע פון טאַמאַס.

ווען חשיבות און שיינקייט באַלויכטן
און שיינט דורך די גופישע פענצטער,
האָט סאַטוואַ די הערשאַפט אין מענטשן;

ווען מענטש איז פאַרצערט פון באַגערן,
פון רייצן, באַוועגונג און אומרו —
שפּאַנט ער אין יאָכן פון ראַזשאַס;

דאָס געטלעכע ליד

ווען טעמפּקייט לעשט אויס די געדאַנקען
און עצלות פאַרגליווערט דעם נפש,
וואָס זעט אויס צעמישט און פאַלוירן,
איז מענטש איינגעשלעפּערט אין טאָמאָס.

ווען איינער באָס שטאַרבן
באַהויכט איז פון סאַטווא —
די בענקשאַפט צו גליק און צו וויסן,
פאַר אים ווערן אָפן די טירן
צום היכל פון ליכטיקע גייסטער,
אין הויכע פאַרהוילענע וועלטן.

ווער ס'שטאַרבט איינגעוויקלט
אין נעצן פון ראַזשאַס, די אומרו,
ווערט ווידער געבוירן פאַרפּלאָנטערט
אין מעשים, אין קאָכיקע תאוות
און שלעפּן אָן אָפּרו די יאָכן;

און דער וואָס פאַרגייט אַ צעמישטער,
פאַרזונקען אין גליווער פון טאָמאָס,
וועט קומען באַלד ווידער צוריק
אין אַ הויז פון נאַראָנים פאַרטעמפּטע.

דער אויסגאַנג פון זויבערע מעשים
איז סאַטווא, דאָס ליכטיקע מזל —
אַ לעבן פון חשיבות און ווערדע;

די מעשים פון ראַזשאַס באַווירקט,
זענען קאָרבן פאַרפּולטע מיט ווייען —
די פּירות פון אַ שווענדעריש לעבן;

די אומריינע אַרבעט פון טאָמאָס
פאַרגרעבט און פאַרשלעפּערט דעם מענטשן,
וואָס האָט ניט קיין ווערט און קיין שכל.

דאָס פערצנטע געזאַנג

פון סאַטווא קומט וויסן,
פון ראַזשאַס — דער אויפּרעג,
פון טאַמאַס — פאַרטעמפּקייט, צעמישונג און טפשות.

דער אָנהויב פון סאַטווא
באַפליגלט צו שענערע וועלטן;
דער אייפער פון ראַזשאַס
פאַרוויקלט דעם מענטש אין עסקים,
וואָס לאָזן ניט דענקען, ניט רוען;
פאַרשלעפּערט אין טאַמאַס,
די נידעריקסטע חיה׳שע טבע,
אַזוינער פאַרזינקט אין אַ אָפּגרונט.

ווען מענטש אין זיין חכמה קען זען די גונאַס
ווי אמתע מיער, וואָס טוען אַליין וואָס זיי ווילן,
וועט לערנען צו וויסן פון א י ם וואָס איז העכער;
אַזוי וועט ער קומען צו מיר
און ווערן פאַראייניגט אין מיין טבע.

ווען דער אינם גוף איבערוועלטיקט די גונאַס
וואָס קנעטן, באַוועגן די אברים,
באַזיגט ער די ערדישע כוחות
וואָס האַלטן אין גוף אים געפאַנגען.

דערלייזט פון געבוירן און שטאַרבן,
פון פחדים, יסורים, פאַרוועלקונג —
ווערט ער אומשטערבלעך.

אַרזשונאַ:

ווי קען מען דערקענען דעם מענטשן
וואָס איז שוין דערלייזט פון די גונאַס?

דאָס געטלעכע ליד

אַ קרישנאַ, ווי פירט ער זיך אויף
און מיט וואָס איז ער אַנדערש?

סרי קרישנאַ:

אַזוינער איז פריי פון נטיות
וואָס האָסט ניט דאָס וויסן,
דאָס גליק און די ריינקייט פון סאַטוואַ
און אויך ניט די טאַטן, די גלוסטונג,
די אומרו וואָס שטורעמט פון ראַזשאַס;
אים אַרט ניט אַפילו די טעמפּקייט,
דאָס גראָבע באַנעמען פון טאַמאַס
און גייט אויך ניט זוכן דאָס טפשות.

ער האַלט זיך באַרוט און דערהויבן פון גונאַס
און ווערט פון קיין זאַך ניט באַווירקט און
פאַרבלענדעט.

פאַרוועבט איז ער אין זיין אינוועלט
און איז ניט מיטגעריסן פון די כוחות,
וואָס דרייען אַן אויפהער די רעדער
פון איטלעכנס גורל.

אין זיך אַליין איז ער איינגעזאַפּט
און אָנגעטרונקען מיט שלוה פון אַטמאַן,
אויפנעמענדיק מיט אַ לויטער געמיט
דאָס גוטס און שלעכטס, די באַקוועמלעכקייט
און די אומבאַקוועמלעכקייט,
פאַר וועמען שטיינער און גאָלד
זענען פון גלייכן ווערט אויף זיין וואָגשאָל.

ער ווערט ניט געשמייכלט פון שבחים
און פילט זיך ניט קליין אין פאַרשעמונג —
דער זעלבער צו פריינט און צו שונאים.

דאָס פּערצנטע געזאַנג

ווער ס׳פאַרהערלעכט מיך מיט טריישאַפט
און איז אין מיר באַהאָפטן מיט זיין נפש,
איז העכער פון אַלע נטיות,
וואָס האָבן שוין מער ניט אויף אים קיין השפעה —
ער איז ראוי צו ווערן פאַראייניט אין אַלהעכסטן;

ווייל א י ך בין בראַהמאַן,
דער נעקטאַר פון אַמריטי
וואָס טראָגן אינם דאָזיקן קערפּער;

דער אייביקער אמת בין איך —
דער שלום, די שלוה אָן אויסלאָז.

סוף פונם פערצנטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

דער גאַנג צום גייסט אַלהעכסטן

סרי קרישנאַ:

פון גאַר־פאַרצייטן דערגייט די געשיכטע
פון דער מעכטיקער פייגנבוים אַסוואַטהאַ [1],
די אייביק־בליענדיקע, אומפאַרענדערטע,
וואָס איז פאַרוואָרצלט אַרויפצו
און שפּרייט זיך מיט די צווייגן אַרונטער.

אירע גרינע בלעטער זענען הימנען,
וועלכע פליסטערן פונם אייביקן אמת
און ווער ס'קען זיי אויפנעמען אין זיין אינוועלט,
ווייסט דאָס וויסן פון אַלע וועדאַס.

די צווייגן פון אַסוואַטהאַ זענען די געפילן,
וועלכע וויגן זיך אַרויף און אַרונטער
און ווערן דערנערט פון די גונאַס,
אירע בליטן זענען די זאַכן פון די חושים.

פון זיי קומען די שפּראָצונגען
וואָס פאַרקניפּן זיך מיט דער וועלט,
וועלכע זענען אַלע גוטע און שלעכטע
טואונגען אויסגעוועבטע פון מענטשן.

דער אויסזע פון אַסוואַטהאַ,
איר אָנהויב, איר ענדינג,
איר אָפּשטאַם, מקור און איר טבע,
וועט מען דאָ אויף דער ערד קיינמאָל ניט וויסן.

---

1) דער „בוים פון וויסן".

דאָס פּופּצנטע געזאַנג

ווען די טיף־איינגעוואָרצלטע,
אויפגעשוואָלענע אַסוואַטהאַ־בוים,
געקרעפּטיקט און צעוואַקסן
אין די ווייפולע מענטשלעכע מעשים,
קען ווערן אויסגעריסן און צעהאַקט
מיט דער גבורה פון אַ דערהויבן געמיט
וואָס איז פריי און אָפּגעקייטלט פון עסקים
און ניט באַווירקט פון די קאַרמישע כוחות —
ערשט דאַמאָלט קען מען זוכן איר אָפּשטאַם
און דעם וועג וואָס פירט אַהינצו,
פונוואַנען, די וואָס דערגייען
קומען שוין מער ניט צוריק
דורך ווידערגעבוירן.

איך בין עס דער וואָס גיי מיטן דאַזיקן וועג
צום אוראַלטן קדמון,
דער קוואַל פון די קאָסמישע כוחות,
וואָס פליִיצן פון אים זינט איידער דעם אָנהויב,
דורך רונדן און ציקלען אָן אויפהער.

אויסגעניכטערטע פון דאַכטונגען,
באַפרייטע פון אַלע געבלענדן, אילוזיעס,
באַרימערייען און פונם אומוויסן ;
בייקומענדיק די בייזע כוחות
וואָס האָבן צערודערט דאָס געמיט,
דאָס האַרץ און די געדאַנקען ;

איינגעוויקלטע אינם אינער־באַוואוסטזיין
פון דער אויפגעטויכטער גייסטיקייט
און האָבנדיק שוין איינגעשטעלט אין זיך
די אומרו פון דער גלוסטונג ;

דאָס געטלעכע ליד

באַפרייטע פון די סתירות
וואָס זענען זיך פיינטלעך איינס דאָס אַנדערע,
ווי צער און פאַרגעניגן, עניות און וואוילטיק,
אַבלות און שמחות;

אַזוינע קומען אויפגעלויכטענע,
באַזעלטע, עקסטאַטישע,
פון וועלקן און טויט אויסגעלייזטע,
אַהין צו די שטראַליק־לויטערע הויכקייטן
פון זייער אויסגעבענקטער אַצילות,
וואָס וועט זיי פון זיך מער ניט פאַרפרעמדן,
ניט דערווייטערן, זיך ניט אָפּטון פון זיי,
ניט ווערן פאַרענדערט, ניט אַנדערש.

דאָרט שיינט ניט די זון, די לבנה
און ס׳ברענען ניט קיין פייערן;

דאָרט איז דאָס וואוינאָרט
פון מיין אין־סופיקן ז י י ן,
וואָס לייכט מיט דער ליכטיקייט
פון אַלע ליכטיקייטן
און די וואָס דערגייען אַהינצו, קומען צו מיר
און ווערן שוין מער ניט געבוירן.

יעדער וועזן, אַ ארזשונאַ,
טראָגט אַ חלק פון מיין געטלעכקייט
וואָס פאַראייביקט עס;
נאָר זייענדיק פאַרוועבט אין די פינף חושים
און איינגעוויקלט אינם זעקסטן, דאָס געמיט,
זעט עס אויס אָפּגעטיילט פון מיר,
ווי באַזונדער.

דאָס פּופּצנטע געזאַנג

וועז מיין געטלעכע טייל ווערט באַגופט
אָדער אָפּגעטון פון קערפּער,
נעמט עס מיט־זיך מיט דאָס געמיט
און די חושים נעמט עס מיט־זיך,
ווי דער דער ווינט וואָס גנבעט אַרויס
די ריחות פון די בלומען.

וואוינענדיק אין יעדן פון די חושים
און אויך אָנגעזאַפּט מיטן געמיט,
געניסט עס און ליידט פון די זאַכן
וואָס ווערן פון זיי אויפגענומען.

באַפלײשט, צי ניט־באַפלײשט,
צי אינאיינעם מיט די נטיות
און מיטפילנדיק, מיטליידנדיק,
געניסנדיק פון די איבערלעבונגען
און וויסנדיק יעדן אָנרעג און אויפריר,
בלייבט עס אומזיכטיק פאַרן אומוויסנדיקן,
אָבער ניט פאַר די אויגן באַלויכטענע פון חכמה.

די מיענדיקע יאָגים מיט שלוה אין האַרצן
זעען עס אין זייער אויפלויכט.

די געמיטער פון אומרו
וואָס ווערן גענאַרט פון דער פאַלשקייט
און ווייסן ניט פון מנוחה,
כאָטש זיי מיען זיך, קענען עס ניט געפינען.

פון מיר, מיין אייגן ליכטיקייט
צעבלענדן זיך זונען וואָס באַלויכטן וועלטן
און פון מיר ציען עס די לבנות
זייער שטראַליק זילבערניש
און די פייערן זייערע שרעקלעכע שיינקייטן.

דאָס געטלעכע ליד

אַריינזופּנדיק זיך אינם שטויב פֿון דער ערד,
האַלט איך אויף מיט מיין געטלעכן כוח
אַלע לעבעדיקע מינים.

איך בין די לבנה־זאַפט וואָס טרינקט אָן
און דערפֿריש וואָרצל, בלאַט און בליאונג
צו דערנערן די פּלאַנצן.

איך בין דער פֿלאַם פֿון לעבן[2]
וואָס גלי אין אַלע גופים
און אינאיינעם מיטן אָטעם פֿון לעבן[3]
פֿאַרדייע איך אין זיי די פֿיר מינים שפּייזן.

איך בין אין אַלעמענס הערצער;
פֿון מיר איז דאָס וויסן, דער זכרון
און אויך דאָס פֿאַרגעסן.

איך בין דער וואָס איז באַוואוסט אין די וועדאַס
איך בין דער ו ו י י ס ע ר פֿון די וועדאַס
און מחבר פֿון די שפּעטערע שריפֿטן.

צוויי מינים כוחות זענען דאָ אין דער וועלט,
איין כוח וואָס טיילט זיך און אַ צווייטער
וואָס ווערט ניט צעטיילט.

דער כוח וואָס טיילט זיך
איז אין די שטערבלעכע וועזנס,
דער אַנדערער כוח איז אומשטערבלעך —
אַזוי איז עס אייביק.

---

2) ווײַשוואַנאַראַ, דאָס פֿייער וואָס פּילט אָן דעם קאָסמאָס.

3) פּראַנאַ, די קראַפֿט וואָס אָטעמט אין דער וועלט. פֿון דעם קומען אַלע עלעמענטן, דער עטער — אַקאַסאַ.

דאָס פּופּצנטע געזאַנג

נאָך אַ כּוח איז פאַראַן —
דער גייסט אַלהעכסטער אַ ט מ אַ ן,
דער אומשטערבלעכער, אומפאַרגייענגלעכער,
אומפאַרענדבאַרער, קיינמאָל־ניט־אַנדערשדיקער;
דער האַר א ו מ ע ט ו מ י ק ע ר,
וואָס דרינגט אַדורך און האַלט אויף די דריי וועלטן.

א י ך, איבערשטייגנדיק דאָס שטערבלעכע
און העכער אַפילו פונם אומשטערבלעכן,
בין דערקלערט אין דער וועלט, אין די וועדאַס —
דער גייסט אַלהעכסטער.

ווער ס'לעבט ניט־געניאַרט
און איז פריי פון פאַרבלענדונגען,
דערקענט מ י ך ווי דער גייסט אַלהעכסטער —
די העכסטע ממשות'דיקייט;
ער ווייסט שוין אַלץ וואָס איז דאָ צו וויסן.

אַזוי איז דורך מיר אויפגעדעקט געוואָרן
די סודות'דיקע לערע, געהיימער פון געהיימען
און פון אַלע לערעס הייליקער,
אַ געלייטערטער אַרזשונאַ.

דער וואָס האָט עס באַנומען
איז אַ באַלויכטענער, אַ פרינץ פון בהאַראַטאַ,
ער האָט שוין זיין אַרבעט פאַרענדיקט.

סוף פונם פופצנטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די געטלעכע און סאַטאַנישע מידות

סרי קרישנאַ:

פורכטלאָזיקייט, נקיות,
אויסדויער, געוואַגטקייט,
פלייסיקייט, איינצאַמונג,
אַ ריין אָפּגעהיט לעבן,
עקשנות און פעסטקייט;

מיען זיך אין דער יאָגאַ פון חכמה,
פריינטשאַפט, וואַרעמקייט, הכנעה,
גוטסקייט, נעימות;

חסידות, אומשעדלעכקייט,
התמדה אין לערנען צו קענען די שריפטן,
באַהעפטונג מיט אמת, רחמנות צו יעדן;

ערלעכקייט, עניוות, צניעות,
מילדקייט, גבורה, פאַרגעבונג,
פריי־זיין פון גדלות, פון קנאה,
פון בייזע און נאַרישע ווערטער;

די דאָזיקע מידות זענען אין דער טבע
פון דעם געבוירענעם מיט געטלעכקייטן,
אָ בהאַראַטאַ.

חוצפה, צביעות, פאַלשקייט,
רשעות, רויקייט און צאָרן, אויך דאָס אומוויסן,
באַצייכענען דעם וואָס איז געבוירן
מיט די מידות פון אַסוראַס [1], אָ פּאַנדאַוואַ.

---

1) סטרא־אחרא, רשעים.

גערטלעכע מידות, באַפרייען די נשמה,
זיי לייטערן, באַזעלן, דערהויבן;
די אַסורישע — שמידן קייטן
פון גרויליקע קנעכטשאַפט.

אַ ארזשונאַ, ניט שרעק דיך,
דיין יחוס איז געטלעך.

צוויי מינים וועזנס זענען דאָ אין דער וועלט —
די געטלעכע און סאַטאַנישע.

פון די געטלעכע האָב איך גערעדט אין פּרטים;
איצט, אַ ארזשונאַ, הער פון די וועזנס
וואָס דינען דעם שטן און קומען אַהער
מיטן כּוח פון אַסוראַס.

די באַהערשטע פון מחבלים, טראָגן ניט קיין אחריות
און ניט זיי וויסן וואָס יאָ צו טון
און פון וואָס זיך אָפּצוהאַלטן.

אומערלעך זענען זיי און כיטרע,
בייזוויליק, מיט אומריינע כּוונות
און קענען ניט דעם אמת.

זיי זאָגן אַז די וועלט-שאַפונג
האָט ניט קיין וואָר און קיין סדר
און אַז אַלץ איז אַן חשבון, אַן שכל;

אויך אַז די וועלט איז הפקר,
באַוועגט און באַווירקט פון בלינדע
און צופעליקע עלעמענטן,
אָן השגחה, אָן אַ באַשאַפער.

זיי לייקענען אין וואָרט פון די שריפטן
און ווילן אויפווייזן אַז אַליין און פון זיך

דאָס געטלעכע ליד

זענען געקומען די לעבעדיקע מינים,
אַז די סיבה פון געבוירן ווערן
איז געשלעכטלעכע גלוסטונג.

זייערע איינגעשרומפּענע מוחות
זענען פאַרוויקלט אין נעפּלען
פון טעמפּקייט און פינצטערניש;
זיי קענען ניט זען, ניט הערן, ניט פילן
און גאָרניט באַנעמען.

די־אַ פאַרדאָרבענע ברואים
באַגייען דאַריבער מורא׳דיקע מעשים
מיט דער כוונה צו קריפּלען דעם סדר־עולם
און איר אומברענגען.
זיי זענען די שרעקלעכסטע שונאים פון מענשן.

זיי קענען זיך ניט אָנזעטן גענוג
צו באַפרידיקן די מורא׳דיקע תאוות;
גדלות׳דיק זענען זיי, פּוסט און זעלבזיכטיק
און אויפגעבלאָזן אין זייער פערזענלעכקייט.

זיי יאָגן זיך אום צעטומלטע
נאָך אַלץ וואָס איז שלעכט און זינדיק;

איין תכלית איז דאָ אין דער וועלט:
געניסן, זויפן, גענאַרן און שווינדלען
און מער נאָך צורייצן די חושים —
אַזוי מיינען זיי.

צערודערטע מיט אויפגעשוימטע געמיטער,
פאַרפלאָנטערט אין נעצן פון גיריקייט,
גענאַרעריי און פאַרבלענדענישן;
איבערענטפערנדיק זיך די פלאַמען

דאָס זעכצנטע געזאַנג

פון פאַרצערנדיקע גלוסטונגען,
זינקען זיי טיפער אין דער טומאה פון גיהנום.

פאַרהאַרטעוועט אין זייער באַנעמונג,
שטאָלץ און עזות'דיק מיט זייער אָנזען
גרויסנדיק זיך מיט מאַכט און גיטער,
און שיכור פון אומערלעכע נצחונות,
פלוידערן זיי פרומע ווערטער מיט אומריינע ליפּן.

זיי לאָזן זיך מיט פּאָמפּ דערקענען
דורך געשאַנקען, ברייטהאַרציקע נדבות,
דעראָבערטע דורך שקר און פאַלשע הבטחות;
אַפילו דאָס גוטע וואָס זיי טוען איז אומריין
און איז געגן די שריפטן.

ווי ווילדגראָז צערוישט פון ווינטן
זענען זייערע געדאַנקען;
זייער שטרעבונג און הונגער נאָך מאַכט,
רום און באַקוועמלעכקייטן,
נאָך הערשאַפט, תענוגים און גזילה,
איז ווי די פאַרפלייצונג וואָס ווייסט ניט פון גבולן;

ווייל וואָס מער זיי באַזיצן
און וואָס גרעסער זייער אומרעכט,
שטאַרקער צערייצט ווערן זיי.

האָב-און-גוטס פאַרשלינגען זיי
און טרעטן איבער לעבנס
זיך אויסלאַכנדיק פון יעדן
און גרויסן זיך נאָך מיט די אויפטואונגען;

זיי פאָדערן חניפה, כבוד, הכנעה,
ווייל מעכטיק זענען זיי איבער אומעכטיקע
וועמען זיי נאַרן, באַרויבן, פאַרפירן.

דאָס געטלעכע ליד

איבערגעבנדיק זיך צו מאַכט,
זעלבזיכט, גלוסטונג און חוצפּה
און אויך צום פלאַמיקן צאָרן,
האָבן זיי מיך, די־אָ מיאוסע באַשעפענישן,
אין אַלע לעבעדיקע וועזנס
און אויך אין זייער אייגן לייב.

די־אָ שונאים פון גאָט און לייט,
זינדער, אַכזרים, אויסוואורפן,
די ערגסטע פון אַלע לעבעדיקע מינים,
זיי שליידער איך צוריק אין די אומריינע לייבער,
צוגעשמידטע צום ראָד פון געבורטשאַפט און פּיינען,
פון ווידער־און־ווידער־געבוירן
און זיי, די צעפוילטע, די פאַרפירטע,
אָ זון פון קונטי, פאַרזינקען אָן אַ תקומה
אין פינצטערן אָפּגרונט.

דריי זענען די טויערן פון גיהנום
וואָס פירן מענטשן צו פאַרלענדונג —
ס׳איז די תאווה, דער צאָרן און די גיריקייט.

דאַרום, אָ אַרזשונאַ, דאַרף זיך אויסהיטן
דער מענטש פון די דריי שרעקלעכע מידות.

ווער ס׳קען פאַרבייגיין די דריי סאַטאַנישע טויערן,
ראַטעוועט זיך פון אונטערגאַנג
און גייט צו דערהויבונג.

דער וואָס לייקנט אינם וואָרט פון די שריפטן
נאָכגייענדיק די טריט פון פאַרדאַרבער,
וועט אינערגעץ ניט קומען און קיינמאָל ניט־וויסן
פון גליק און מנוחה.

דאָס פופצנטע געזאַנג

זאָלן דאַריבער די שריפטן ווערן דיין מ ד ר י ך
און ברענגען דיך אויף גערעכטע וועגן
און דיך לערנען וואָס מ׳דאַרף טוען
און פון-וואָס מ׳דאַרף זיך צוריקהאַלטן;

אַזוי-אַרום —
פאַרשטייענדיק די אָנזאָגן און פאַרזאָגן
פון די אַלטע גאָר-הייליקע שריפטן,
וועסטו וויסן ווי זיך צו פירן אין דער וועלט.

סוף פונם זעכצנטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די דריי מינים גלויבנס

אַרזשונאַ:

די גלויביקע וואָס האַלטן ניט פון די שריפטן
און היטן ניט אָפּ די וואָרנונגען,
וואָס איז דער צייכן זייערער, אָ קרישנאַ,
איז עס סאַטווע, ראַזשאַס, טאַמאַס?

סרי קרישנאַ:

דרייפאַכיק איז דער גלויבן
וואָס טויכט אויף פון דער טיף
אינם מענטשנס אינער-וועזן.

ווען די גלויביקייט איז ריין און לויטער,
אויפריכטיק, ערלעך און אמת,
איז עס סאַטווע.

אויב ס'איז לײדנשאַפטלעך,
אימפעטיק, בייז און אומרואיק,
באַצייכנט עס ראַזשאַס.

די גלויביקייט וואָס איז טעמפּ,
פאַרגרעבט, אומוויסנדיק און נאַריש,
האָט דעם סימן פון טאַמאַס.

אָ בהאַראַטאַ, הער וועגן דעם:

דאָס אינער-געמיט לייגט איר חותם
אויפן גלויבן פון מענטשן;
ווי זיין גייסטיקע נטיה איז,
אַזוי איז אויך דער גלויבן זיינער,
אָ בהאַראַטאַ.

דאָס זיבצנטע געזאַנג

דער מענטש איז צעשפּיגלט אין זיין אמונה
און ווערט דורך דעם דאָס וואָס ער איז,
אין וואָס ער זאָל ניט גלויבן.

באַווירקטע פון סאַטוואַ גלויבן אין אַלמעכטיקן,
פאַרהערלעכן אים אין אַלע דערשיינונגען
און אין די ליכטיקע וועזנס, די דעוואַס.

יענע וואָס זענען באַוועלטיקט פון קנאה,
פון גאווה און זעלבזיכט —
די אומרואיקע, אַלץ-פאַרשלינגענדיקע פון ראַזשאַס,
גלויבן אין געטער פון מזל, פון מאַכט,
עשירות און גדולה.

די איבעריקע פאַרנעפּלטע מענטשן,
די גייסטיק-פאַרגליווערטע פון טאַמאַס,
גלויבן אין כשוף, אין גייסטער, פאַנטאַזמען פון
טויטע;

פראַים און מכשפים זענען זיי
וואָס פּייניקן זייערע לייבער
און טוען אָפּ מיאוסע זאַכן
וואָס איז געגן פאַרזאָג פון די שריפטן.

זיי פירן זיך נאַריש און פאַרטראָגן ניט קיינעם,
פאַרדאַרבענע און פאַרגלויבט אין איינרעדענישן
וואָס זוכן דורך פאַרבאָטענע וועגן
די בייזע, פינצטערע כוחות
פאַר אייגענע פערזענלעכע נוצן;

וואָס דורך פּייניקן זיך פאַרקריפּלען זיי
און שעדיקן דעם גוף און די אברים
און אַזוי-אַרום פאַרשוועכן זיי מיך,

דאָס געטלעכע ליד

צערייצן און באַאומרואיקן מיך,
וואָס האָב אין זיי מיין ו ו א ו י נ אָ ר ט;
אַ בהאַראַטאַ, דערקען זיי לויט זייער באַנעמונג.

אויף די שפּייז וואָס איז יעדן באַליבט
און צו זייער גלוסטונג איז דרייפאַכיק,
אַזוי איז אויך דער אופן פון גוט־זיין,
טיילן נדבות און תפילה.

אַ אַרזשונאַ, הער ווי מ׳קען זיי אונטערשיידן
און אויך דערקענען.

די שפּייז וואָס באַלעבט און גיט גבורה,
געזונט, פרייד, קראַפט און מונטערקייט;
וואָס איז קערנדיק, אַנגענעם,
זאַפטיק, פריש, באַ׳טעמט
און גוט פאַרן געמיט ווי פאַרן גוף —
דערנערט די ריינע שיינגייסטער,
די אָפּגעהיטע פון סאַטוואַ.

די מיט ליידנשאַפטלעכע, אומרואיקע,
צערודערטע געמיטער פון ראַזשאַס,
גלוסטן די שפּייז וואָס איז ביטער,
זויער, זאַלציק, צעפּרעגלט,
בייסיק, טרוקן, שאַרף און בריעק;
דאָס גיט זיי וויטיקן, צערייצונג,
ערגערניש און מחלות.

אַלץ איבעריקס וואָס איז טוכלע,
ניט־פריש, ניט באַ׳טעמט, פויל און אומריין,
דאָס איבערבלייבעכץ און ווערעמדיקס,
איז די שפּייז פון די שוטים,
די אומוויסנדיקע פון טאַמאַס.

דאָס זיבצנטע געזאַנג

זיך ווידמען צו גאָט ווי ס׳לערנען די שריפטן,
מיט ליבשאַפט און פרומע כוונות,
באַגלייט מיט אַ בענקשאַפט צו וויסן,
צו ווערן געלייטערט, באַרואיקט,
באַשיידן און ערלעך — איז סאַטווא.

צו גלויבן אין גאָט אָן כוונה,
פאַרקנוילט אין וועלטלעכע זאַכן,
און בעטן פאַר-זיך-נאַר, דעם אייגענעם וואוילזיין,
פאַר גרויסקייט, עשירות און כבוד;
זיך מאַכן באַוואוסט מיט דער פרומקייט
דורך שיינע געפערלטע דרשות,
מתנות און אָפענע צדקה,
אַ בעסטער פון די בהאַראַטאַס,
דערקען אין זיי ראַזשאַס.

די איבעריקע גלויביקע
וואָס זענען בטבע דער היפוך
פון אַלץ וואָס איז ערלעך און נאָבל,
טוען להכעים פאַרקערט ווי ס׳הייסן די שריפטן;
זיי טיילן זיך מיט גאָרניט
און ברענגען ניט קיין אָפפער,
זיי געבן קיין צדקה, קיין שבח ניט
פאַר געטלעכע חסדים;
זיי פילן ניט צו גאָט און קיינעם קיין ליבשאַפט,
זיי זענען ניט מקרב קיין חכם, אַ חשובן מענטשן;
זיי רעדן זיך איין אַז זיי גלויבן
— באַר האָבן קיין וואָרט ניט פאַר גוטסקייט
אַזוינע זענען באַצייכנט פון טאַמאַס.

פאַרהערלעכונג און יראת-הכבוד
צו דעוואַס, חכמים, נביאים,

דאָס געטלעכע ליד

צו ז ע ע ר און טרעגער פון וויזיעס,
פון פריידיק־דערהויבענע בשורות,
צו לערער און וועגווייזער;

אומשעדלעך־זיין און צדקות,
אויך די קערפּערלעכע ריינקייט —
איז די שמירה פון קערפּער;

רייד וואָס זאָלן ניט ווי־טון,
קיינעם ניט וואונדן, פאַרשעמען;
ווערטער וואָס זאָגן דעם אמת,
וואָס פרישן, דערוואַרעמען, פרייען,
דערמוטיקן, טרייסטן, דערהויבן,
באַגייסטערן און צערטלען —
איז די שמירה פון לשון;

שלוה, געמיטלעכקייט,
מיטגעפיל און שטילקייט,
שליטה איבער־זיך,
גלייכוועכטיקייט,
לויטערע געדאַנקען,
פּרישות פון פרעמדע עסקים —
איז די גייסטיקע שמירה.

די וואָס האָבן איבער זיך
די דרייפאַכע וואַכזאַמקייט
מיט אַ ריינער דערהויבענער אמונה,
דערקענענדיק די אייגענע נישטיקייט,
וואָס אָטעמען אויס־און־איין פריד און מנוחה —
זענען שעפערישע שייִנגייסטער פון סאַטווא.

די וואָס היטן זיך פאַר חטאים
און פאַרלאָזן זיך אויף השגחה

דאָס זיבעצנטע געזאַנג

מיט דער כוונה צו האָבן עולם-הבא
און דאָ באָם לעבן — כבוד, וואוילזיין,
גדולה און חשיבות —
זענען די זעלבזיכטיקע פון ראַזשאָם.

זיך אונטערוואַרפן דער השגחה
דורך פינצטערע ריטואַלן און טועכצן
צוליב אָפּשיילעכע, נידעריקע צילן,
צו אויפוועקן אין-זיך דורך ספּאַזמען,
היסטעריע און אויפרייצונג,
אומריינע, שעדלעכע כוחות
צו באַגיין קערפּערלעכע פּייניקונג,
אָדער פאַר׳כישופן מיט מערדערלעכע כוונות,
אַזוינע, אַ אַרזשונאַ, זענען די טעמפּע פון טאַמאַס.

געבן צדקה מיט חשיבות צו אַ באַדערפטיקן,
בכבודיקן מענטשן אין אַ פּאַסיק אָרט,
אין דער ריכטיקער צייט, אָן פּניות,
אָן זוכן זיך אייגענע טובות —
דאָס איז דער צייכן פון סאַטוואַ ;

געבן צדקה מיט דער כוונה
עפּעס פאַר-זיך אויסצובעטן,
צי האָבן שליטה איבער יענעם,
אָדער גאָר ניט-ווילנדיק —
דאָס איז דער צייכן פון ראַזשאַס ;

טיילן צדקה אין אַ אומריין אָרט,
אין אַ ניט-פּאַסיקער צייט,
צו אומווערדיקע מענטשן
נידעריקע, אָפּשטויסנדע —
איז דער צייכן פון טאַמאַס.

דאָס געטלעכע ליד

„אָם טאַט סאַט' —
די דריי שפּרוכן ווערן אָנגענומען
ווי די צייכנס פֿון ב ר אַ ה מ אַ ן,
פֿון וועמען די חכמים, די ווערדאַס
און אַלע פֿאַרזאָגטע תּפֿילות
זענען אויפֿגעקומען נאָך פֿון גאָר־אַלטע צייטן.

„אָם' ווערט דאַרום אַרויסגערעדט תּמיד
דורך די באַגלויבטע אין ב ר אַ ה מ אַ ן
ווי ס'איז פֿאַרזאָגט אין די שריפֿטן,
איידער מ'גרייט זיך אָפּרעכטן
תּשובֿה, תּפֿילה און צדקה.

„טאַט' — די אַבסאָלוטע שלמות,
ווערט אַרויסגערעדט דורך אַזוינע
וואָס זוכן דערלייזונג, אַצילות מיט ריינע כּוונות.

„סאַט' מיינט דאָס ז י י ן און די זעליקייט,
אַ אַרזשונאַ, זיך מיען און דינען גאָט
מיט עקשנות און איינגעשטעלטע רגילות.

זיך ווידמענען צו בכּבֿודיקע מעשׂים
און זיך מיען אין נאָמען פֿון בראַהמאַן
ווערט אויך גערופֿן „סאַט'.

יעדער אָפּפֿער און מתּנה,
יעדע ליד און יעדער רעיון,
יעדע מי און יעדע מעשׂה
וואָס איז ניט הייליק, ניט ערלעך
און ניט אָנגעהויכט מיט גלויבן,
ווערט אָנגערופֿן אַ ס אַ ט — פֿאַלש,
אומערלעך, דער היפּוך פֿון קדושה ,
אַ אַרזשונאַ.

דאָס זיבצנטע געזאַנג

זיי מיינען גאָרניט,
זיי לאָזן גאָרניט,
זיי ווירקן גאָרניט
און דערנעענען צו גאָרניט
אין ד ע ר וועלט און אויך ניט אין אַנדערע.

סוף פונם זיבעצנטן געזאַנג
פון דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ

די יאָגאַ פון דערלייזונג דורך פרישות

אַרזשונאַ:

דערקלער מיר די כוונה פון אָפּשייד און אָפּזאָג,
אָ קרישנאַ, און וואָס איז דער חילוק
צווישןביידע יסודות.

סרי קרישנאַ:

זיך אָפּשיידן פון מעשׂים,
איז פרישות, נזירות, סאַניאַסאַ —
האָבן געזונגען פּאָעטן.

זיך אָפּזאָגן, מיינט גלייכגילט צום עיקר —
די פרוכט וועלכע קומען פון מיען —
האָבן געלערנט חכמים.

זיי זאָגן אַז פרישות איז בעסער
פאַר איינעם וואָס גייט צו דערלייזונג,
ווייל אויך אין דער רעכטיקער מיאונג
איז אָפּטנס אַ שמץ פון אומרעכט.

אויך אַנדערע מיינען
אַז מ׳טאָר זיך ניט אָפּזאָגן
פון תשובה-טון, תפילה און צדקה
כאָטש זיי זענען שטענדיקע עובדות.

הער איצט פון מיר דאָס אַנטשיידענע וואָרט
וואָס איז וואָרהאַפּטיק,
אָ בעסטער פון די בהאַראַטאַס.

דאָס אַכצנטע געזאַנג

די כוונה פון פרישות, זיך אָפּשיידן פון מעשים
און דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער הנאה,
איז דרייפאַכיק.

אַ מענטש זאָל זיך ניט אָפּזאָגן
פון תשובה, תפילה און צדקה
כאָטש דאָס זענען שטענדיקע עובדות,
ווייל די מידות פון תשובה, תפילה און צדקה
דערהויבן און לייטערן די נשמה;

אָבער אפילו אין די־אָ מידות
דאַרף מען זיך עוסק־זיין
אָן אַ סימן פון פניות,
ניט קלערנדיק וואוהין זיי פירן
און צוואוואָס זיי ברייגגען.
דאָס, אַ ארזשונאַ, איז די רעכטיקע באַשטימונג.

זיך אָפּזאָגן פון מעשים
וועלכע מ׳דאַרף מקיים זיין
ווי ס׳איז פ א ר ז א ג ט ג ע װ א ר ן,
איז ניט ריכטיק;

אויב דער פשטן,
וואָס קען עס קלאָר נישט פארשטיין
און ווען ער זאָגט זיך אָפּ פון מעשים,
וועט ער אויך זוכן אויסמיידן
זיין באַשערטע התחייבות ,
וועט ער באַווירקט ווערן פון טאָמאָס
און ווערן טעמפּ, פאַרגליווערט.

ווען מ׳דערוויטערט זיך פון מיען
ווייל מ׳קען זיי ניט פאַרליידן,
מ׳פילט צו זיי אַ דערווידערונג,

דאָס געטלעכע ליד

צי אוים מורא פאַר קראַנק ווערן,
צייט פאַרלירן, אָדער צוליב כבוד,
אַזאַ פרישות האָט קיין ווערט ניט,
ווייל ס׳איז ענגהאַרציקייט, אומערלעך
און מיט זעלבזיכטיקע כוונות —
ס׳איז די נטיה פון ראַזשאַס.

ווען איינער אָבער איז טעטיק,
ווי ס׳זאָגט זיך אין די שריפטן,
ניט קלערנדיק צוליב וואָס און וועמען
און אויך ניט פון זיין אייגענער וויכטיקייט;
וואָס מ י ט זיך אָן תרעמות אומעטום,
צו יעדער צייט ווען נויטיק,
ווי זיין גורל האָט פאַר אים אָנגעצייכנט,
אָפגעבנדיק וויליק און ברייטהאַרציק
זיין מי און מאַטער, זיין וואָוילזיין,
ניט אָפקערנדיק זיך פון זיין התחייבות
און ניט־זוכנדיק זיין אייגענע הנאה —
ד י פרישות איז סאַטוואַ.

דער באַזעלטער,
באַלויכטן אינם וויסן פון אַטמאַן,
וואָס וויסט ניט פון ספקות, פון עלנט
און טראַכט ניט פון זיך, פון זיין כבוד,
וועט טראָגן געדולדזאַם דעם עול פון אחריות
און קומען אַקעגן די פליכטן וואָס וואַרטן,
אפילו ווען ס׳איז ניט צום האַרצן;

ער וועט אויך ניט זוכן זיך מאַכן באַקוועמער,
צו קריגן מער נאָמען און שבחים,
מער פרייד און פערזענלעכן תענוג.

דאָס אַכצנטע געזאַנג

אַ ארזשונאַ, נישטאָ אין דער וועלט
אַזאַ שטערבלעך וועזן
וואָס האָט ניט זיין ה ת ח י י ב ו ת.

ווער ס'איז טיכטיק און מיזאַם
און זוכט ניט קיין שכר פאַרן טוען,
קיין לויב און קיין אָפּדאַנק,
איז אַ אמתער פרוש.

די וואָס האָבן זיך ליב
און פאַרקנעכטן זיך צו וואוילטיק,
וואָס ווערן באַהערשט פון די חושים,
פאַר זיי איז דרייפאַכיק דער תכלית פון מעשים —
אַ גוטער, אַ שלעכטער און געמישטער,
וואָס וועט זיי אָקעגן קומען אין דער ריכטיקער צייט.

דער פרוש אָבער וואָס איז פריי
און צו קיינעם ניט געבונדן,
מיט שליטה איבער־זיך, אַ באַרוטער
און דערהויבן איבער אַלע עסקים
פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט —
אויף א י ם וועט ניט וואַרטן דין און חשבון,
ניט ד אָ און אויך ניט אין אַנדערע וועלטן.

די שריפטן זאָגן אַז פינף זענען די סיבות
וואָס מאַכן מיען דעם מענטשן,
זיי לערנען אים די וועגן פון מעשים
און ווי זיי אויסצומיידן.

די ערשטע סיבה איז דער קערפּער,
דערנאָך קומט די פּערזענלעכקייט,
וואָס איז דער האַר און באַפעלער,
די אברים וואָס פילן און פאָלגן

דאָס געטלעכע ליד

ווי אויך די תנועות אין מענטשן;
די לעצטע פון די סיבות זענען די גייסטיקע כוחות,
וואָס האָבן איבער זיי השגחה.

אַלדאָס־גוטס און שלעכטס
וואָס ווערט אָפּגעטון דורכן געמיט
און דורך די ווערטער פון דער צונג
שטאַמען פון די־אָ סיבות.

דער וואָס ווייסט עס ניט, מיינט
אַז אַלץ וואָס איז דורך אים אָפּגעטון
ווערט באַווירקט פונם העכערן וועזן
אין זיין אינוועלט — א ט מ א ן,
וועלכער איז דערהויבן און אָפּגעשיידט
פון אַלע ערדישע ענינים און טאַטן,
וואַכנדיק אין שטילער אַליינזאַמקייט.

אַזוינער ווייסט ניט די סיבות,
ער קען זיי ניט פאַרשטיין און זעט ניט ריכטיק.

ווער ס'איז פריי פון פניות
און דערהויבט זיך העכער פון די חושים,
וואָס איז בכוח פאַנאַנדערצוטיילן
דאָס עכטע פונם פאַלשן,
דעם אמת פון דער דאַכטונג,
דאָס ריינע פון אומריינעם,
דאָס העכערע פונם נידעריקן;
וואָס ווערט ניט משפּיע
פון זיין אייגענער ווערקשאַפט,
דאָס אַנגענעמע וואָס ער טוט און דאָס ניט־אַנגענעמע
און אויך ניט פון זיין אָנגעצייכנטע התחייבות;

דאָס אַבצנטע געזאַנג

אַזוינער, מעג ער אַפילו הרגענען
די אַלע מענטשן דאָ,
איז ער ניט קיין רוצח
און ער טראָגט ניט די אחריות
פאַר זיין האַנדלונג.

דאָס וויסן, דאָס באַוואוסטע און דער ווייסער
זענען די דרייפאַכע סיבות
וועלכע שטויסן צו מעשים.

אויך דער אַקט פון טוען איז דרייפאַכיק:
דער אָנרעגער, דער אויספילער און די עובדה.

די שריפטן לערנען אַז דאָס וויסן
דער טאָט און דער טוער זענען אויך דרייפאַכיק,
לויט דער נטיה וואָס ווירקט אין יעדן.

הער מיך אויס ווי איך וועל עס דיר קלאָרמאַכן:

דאָס וויסן וואָס באַנעמט אַז אַלץ וואָס איז פאַראַן
איז דורכגעדרונגען פונם אומפאַרגייִנגלעכן,
פונם איינאיינציקן זיין וואָס איז ניט
אָפּגעזונדערט פונם אָפּגעזונדערטן
— און אויך ניט אָפּגעטיילט פונם אָפּגעטיילטן
דאָס איז סאַטוואַ.

דאָס וויסן וואָס באַנעמט נאָר
די צוטיילטקייט פון די לעבנס,
וואָס זעט נאָר יחידים אין אחדות
וועלכע זענען זיך פרעמד און דערווייטערט,
באַזונדערע וועזנס ווי גרים —
דאָס איז ראַזשאַס.

דאָס געטלעכע ליד

דער וואָס מיינט אַז זיין פאַרשטאַנד
איז דער העכסטער,
זיין חכמה די קלוגסטע,
זיין שׂכל דער קלאָרסטער,
זיין וועזן דאָס בעסטע
און אַלע אַנדערע אין דער וועלט
זענען ניט אַזוי וויכטיק;

זיי האָבן קיין ווערדע ניט,
קיין תּכלית אין לעבן,
קיין רעכט ניט אויף יושר;
ער גלויבט נאָר אין דעם
וואָס די חושים באַנעמען און פילן,
אַז ווייטער, דערהינטער, אַריבער
איז ליידיק, איז אומזין, איז הפקר;
דער דאָזיקער פינצטערער מח,
פאַרטרוקנט, איינגעשרומפּן און טעמפּ,
האָט דאָס וויסן פון טאַמאַס.

האַנדלען מיט אחריות
וואָס מ׳ווידמעט ווי אַ הייליקן צוזאָג,
אָן פּערזענלעכע כּוונות, אָן פּניות;
זיך מיענדיק ניט צוליב כּבוד, הנאָה,
און אויך ניט מחמת צוואַנג און מורא,
נאָר ווערט געאָפּפערט מיט פרייד, סבלנות
און ווילקייט — איז סאַטוואַ.

די געצוואונגענע האַנדלונג
וואָס האָט ניט קיין ווילן,
קיין אייפער, קיין אָנרעג, קיין פייער
און ווירקט מיט דערווידער, אָן ליבשאַפט,
אָן אַ גייסטיקן אָנהויך;

דאָס אַכצנטע געזאַנג

וואָס מ י ט זיך אוים גדלות און זעלבזיכט,
פאַרקלערט אין עשירות, אין כבוד —
די אומערלעכע מיאונג איז ראַזשאַס.

די מעשים וואָס נאַרן, פאַרפירן,
צעמישן, צעטומלען, פאַרבלענדן,
וואָס זענען פאַרשווענדעריש־הפקר,
אויסגעלאַסן, זינלאָז, אָן תכלית;
וואָס ווייסט ניט צוואָס און פאַרוועמען
און גיט ניט קיין טראַכט פונם בייז
וואָס ער קען דורכדעם ברייגנען
און רעכנט זיך ניט מיט קיינעם, מיט גאָרניט —
ד י האַנדלונג איז טאַמאַס.

דער ערלעכער טוער, וואָס גייט, ווי ער קען,
איבער מיאיקע וועגן בנעימות, אָן אויפרעג
און פילט ניט קיין קנאה, קיין בייזער,
קיין פיינטשאַפט, קיין רשעות;
ער ווירקט מיט התמדה,
באַרוט און באַשיידן,
געדולדזאַם און וואַרעם;
וואָס גרויסט זיך ניט, באַרימט זיך ניט
און וועגט ניט די ווערטן פון זיין אַרבעט,
וואָס איז ניט פאַרטרויערט,
אַנטמוטיקט, פאַרצווייפלט —
אַזוינער האָט סאַטוואַ.

ווער ס׳טוט זיינע טואונגען פאַרטראַכט אינם עיקר
און חשבונט די מאָסן פון זיין האַנדלונג,
נאָר ניט פון די חובות וואָס מאָנען;
וואָס טראַכטן נאָר פון זיך און זיין וואוילזיין,

דאָס געטלעכע ליד

געטריבן צו מעשים דורך קנאה צערייצטער,
געבייטשט פון באַגערן וואָס לאָזן ניט רוען;

וואָס פיבערט נאָך גרויסקייט, עשירות, ממשלה,
נאָך מאַכט און געוועלטונג;
וואָס איז הארט און גראָב אין באַנעמונג,
אויפגערייצט, צעפלאָמט און פאַרטומלט;
וואָס איז האָפערדיק אין הצלחה,
דערשלאָגן, פאַרצווייפלט אין דורכפאַל;
וואָס טרעט איבער לעבנס געטריבן פון אומרו
און גיט ניט אַ קלער פון זיין אייגענער אומרעכט,
נאָר זעט אַלדאָס-בייז אין זיין שכן —
דער דאָזיקער טוער האָט ראַזשאַס.

ווער ס'טוט וואָס ער טוט
מיט גלייכגילט פון עצלות,
אָן הארץ, אָן אַ ווילן, אָן שכל
און אַלץ וואָס ער טוט האָט קיין צוועק ניט;
ער גליווערט פאַרנאַרישט אין פינצטער עקשנות
און לעבט אומגעלומפערט;
וואָס איז איינגעשטייפט אין אַ גליווער
מיט בייזקייט און ספקות צו יעדן —
דער־אַ טוער האָט טאַמאַס.

דאָס אויפנעמען און קלאָרווערן
אינם מהות פון זאַכן איז אויך דרייפאַכיק,
וואָס שטאַמט אוים פאַרשידנאַרטיק
פון די גונאַס, ווערליק זייער השפעה.

הער איצט, אַ אַרזשונאַ, ווי איך וועל דיר
איבערגעבן די פּרטים מיט קלאָרקייט.

דאָס זעקסטע געזאַנג

דער פאַרשטאַנד וואָס קען זען
וואָס איז גלוסטונג און ניט־גלוסטונג,
וואָס איז נוצלעך און שעדלעך,
וואָס איז אויפברויז און פאַרצאַמטקייט,
וואָס איז נויטיק און אומנויטיק,
וואָס איז אומפאַרמיידלעך
און וואָס דאַרף אויסגעמיטן ווערן;
וואָס וויסט פון שרעק און פורכטלאָזיקייט,
פאַרקנעכטונג און פריי־זיין,
ספקות און בטחון, אָ אַרזשונאַ,
דאָס איז סאַטוואַ.

ווען מ׳קען ניט פאַנאַנדערטיילן גוטס פון שלעכטס,
רעכט פון אומרעכט, אמת פון פאַלשקייט,
דאָס עכטע פונם ניט עכטן,
דאָס דערלויבטע פונם פאַרבאָטענעם,
דאָס וואָס ד אַ ר ף געטון ווערן
און וואָס דאַרף ניט געטון ווערן,
דאָס ערלעכע פונם ניט־ערלעכן,
די חשיבות פון שפלות —
אָ אַרזשונאַ, דער פאַרשטאַנד איז ראַזשאַס.

ווען דער מוח איז איינגעוויקלט אין אומוויסנהייט,
ווען ס׳איז צערודערט, באַרוישט און פאַרטומלט,
פאַרקרומט, צעפלאָנטערט און איבערגעקערט,
ניט פאַרשטייענדיק די סתירות׳דיקע פאָרן —
דאָס, אַרזשונאַ, איז טאַמאַס.

דער איינגעשפּאַרטער לויטערער שכל [1]
וואָס איז באַלויכטן פון יאָגאַ

---

1) הויכער גייסטיקער אינטעלעקט. בודהי, אין סאַנסקריט.

דאָס געטלעכע ליד

און האַלט וואַך דעם זכרון צו דערמאָנען
די חובות וואָס וואַרטן;
די דאָזיקע עקשנות וואָס איז פריי
און העכער פון פּערזענלעכע ענינים,
וואָס זוכט ניט דעם עיקר פון תכלית;
וואָס פילט צו קיין זאַך ניט קיין אָנרעג,
וואָס ווערט ניט צעדודערט פון אומרו
און דורשט ניט צו טרינקען דער ערשטער
דעם ווייַן פון די אייגענע טרויבן;
וואָס איז קלוג און מיט שליטה
איבער־זיך, זייַנע חושים,
די תנועות פון זייַנע אברים
און פון אַלע פאַרטראַכטע געדאַנקען —
ד י עקשנות איז סאַטוואַ.

די עקשנות צו געוועלטיקן און באַפעלן,
פאַרוואָרצלען זיך אין ערדישע זאַכן;
צו יאָגן זיך אָן אָפּרו, פאַרהונגערט
נאָך מאַכט און נאָך גיטער,
גרויסקייט, תענוגים און הערשאַפט;
וואָס צעפּעכערט די פייַערן פון אומרו
מיט גיריקייט, קמצנות און חוצפּה
און וואָס האָט ניט, חוץ זייַן אייגענער ליבשאַפט,
קיין העכערן תכלית אין לעבן —
איז די נטיה ראַזשאַס.

דער ווילן צו בלייַבן פאַרזונקען
אין טעמפּקייט, אין שלאָף, אין פּחדנות
און תמיד נאָר פויל־זייַן, אַ בייזער, פאַרכמורעט,
אָנגעבלאָזן, לייַדיק מיט פוסטקייט —
איז די נטיה טאַמאַס.

דאָס אַכצנטע געזאַנג

העך איצט פונם פאַרגעניגן
וואָס איז אויך דרייפאַכיק,
אַ מעכטיקער פון די בהאַראַטאַס.

פון איין פאַרגעניגן קוואַלט התלהבות'דיק דאָס גליק
און דערהויבט די נשמה וואָס האָט דערפילט
די געטלעכע אומשטערבלעכקייט.

ווען איינער דערהויבט זיך צו אַ ט מ אַ ן
אין דער לויטערער רו פון זיין וועזן,
דערוועקט זיך אינם געמיט אַ וואונדערלעכע פרייד
וואָס טויכט אויף פונם וויסן
און פאַריאָגט פון האַרץ די ספקות,
דעם עלנט און טרויער און היילט אַלע וואונדן —
דאָס פאַרגעניגן איז סאַטווא.

אויך די חושים האָבן פאַרגעניגן
ווען זיי פאָרן זיך מיט די זאַכן וואָס רייצן.

זיס און אָנגענעם איז עס אין אָנהויב,
דאָס רייצט און מאַכט שיכור,
דערנאָך ווערט עס ביטער מיט איבלען;
דאָס גליק וואָס ברענגט מיט-זיך
יאוש, ווייטיקן, חרטה, איז ראַזשאַס.

דאָס גליק וואָס גענאַרט און פאַרפירט
סיי אין אָנהויב, סיי שפּעטער,
וואָס בלעזלט פון לאַנגווייל און עצלות,
פון אָפּגעשלאָפענע טעג און יאָרן
און פון אַ פוסט אָפּגע'פּטרט לעבן —
איז דאָס פאַרגעניגן פון טאַמאַס.

דאָס געטלעכע ליד

נישטאָ קיין וועזן דאָ אויף דער ערד
און צווישן דעוואַס אין הימל,
וואָס זענען פריי פון די גונאַס —
געבוירענע פון פראַקריטי.

צו די בראַהמינס, קשאַטריאַס, ווײַשיאַס און
שודראַס [2],
א פּאַראַנטאַפּאַ, איז אײַנגעטײלט די שליחות
וועדליק די גונאַס פון זײער טבע.

אויפאַײטערונג, אײַנגעהאַלטנקײט,
האַרבקײטן און פאַרצאַמונג,
רײנלעכקײט, מחילה און צדקות;
חכמה, וויסן, אמונה אין א ט מ א ן —
דאָס איז דעם בראַהמינס נטיה
געבוירן פון זײן טבע.

דרײסטקײט, געוואַגטקײט,
פעסטקײט און פרעכטיקײט,
געשיקטקײט און העראָאישקײט,
קאַמפּס-גרײטקײט און פלײסיקײט;
גרויסמוטיקײט, גבורה און באַהערשונג —
דאָס איז די נטיה פונם קשאַטרי
געבוירן פון זײן טבע.

אַקערן, האַנדל און פאַרזאָרגונג
איז די נטיה פונם ווײַשיאַ
געבוירן פון זײן טבע.

אַרבעטן און באַדינען איז די נטיה פון שודראַ
געבוירן פון זײן טבע.

---

2) חכמים, מנהיגים, פאַרזאָרגער און באַדינער, די פיר קלאַסן פון דער מענטשהײט.

דאָס אַכצנטע געזאַנג

דער מענטש קומט צו שלמות
דערפֿילנדיק זיין באַשערטע התחייבות
און פֿאַרענדיקט דעם חשבון פֿון זיין קאַרמאַ.

הער איצט, אָ אַרזשונאַ,
ווי מענטש קען פֿריי־ווערן פֿון די גונאַס.

ד ע ר, פֿון וועמען ס'פֿלייצן אויס אַלע וועזנס,
מיט וועמען די אַ ל װ ע ל ט און אַלץ דערין
איז דורכגעדרונגען;
באַהאַפֿטן צו א י ם מיט ליבשאַפֿט,
מיט דבקות און מיט גייסט־עקסטאַטישן;
זיך איבערגעבנדיק א י ם,
וואָס איז דער אָנרעג, דער אָנהויך,
די פֿליים און דער וועקער פֿון מעשים —
ווערט מען דערלייזט ווערן פֿון קאַרמאַ.

די שליחות וואָס ליגט אין איינעמס טבע,
אפֿילו אַז ער טוט עס ניט רעכטיק
איז בעסער ווי צו טון די אַרבעט פֿון יענעם
וואָס שיינט צו זיין גרינגער.

ווען לעבנדיק נאַטירלעך,
באַמיט זיך יעדער ווערדליק זיין נטיה
און דערפֿילט זיין אָנגעצייכנטע התחייבות,
באַגייט ניט קיין אומרעכט.

דאַרום זאָל זיך ק י י נ ע ר־נ י ט
אָפּזונדערן פֿון מעשים
וואָס זענען אין דער טבע פֿון זיין אייגן געמיט
און ניט זוכן אָפּצוטון יענעמס טואונגען
וואָס זעען אים אויס בעסערע און וועקן קנאה;
ווייל אַלע עובֿדות, די ב ע ס ט ע אַפֿילו,

דאָס געטלעכע ליד

זענען איינגעוויקלט אין חסרונות,
ווי פלאַמען אין רויך.

ניט-קלערנדיק פונם תכלית
און ניט-זוכנדיק קיין דאַנקשאַפט,
קיין באַלוינונג פאַר זיינע מעשים,
מיט השגחה און אָפּגעהיטקייט איבער-זיך
און פריי פון באַגערן און גלוסטונגען
דורך אָפּשיידן זיך פון אומנייטיקע זאַכן —
אַזוינער וועט פאַראייניט ווערן מיטן אַלהעכסטן
וואָס איז דערהויבן איבער אַלע מיען,
אַלע גונאַס.

לערן איצט בקיצור דעם וועג צו פולקייט
און ווי מ׳קען דערגרייכן די הייכן פון בראַהמאַן,
וואָס איז דער קוואַל פון חכמה, פון רעכטיקייט
און דער תכלית פון לעבן, אַ זון פון קונטי.

ווען בודהי, דער לויטערער פאַרשטאַנד,
קלעטערנדיק צום העכערן וויסן,
קען שוין מער-ניט גענאַרט-זיין און פאַרפירט
ווערן פון איינגערעדטע זאַכן;

ווען דאָס אויפגעוועקטע פייער אין דער נשמה
האָט אויסגעברענט און גערייניקט פון געמיט
די אומריינע פאַרלאַנגען, די ברוּזיקייטן
פון תאוות וואָס רייצן און צערודערן;

ווען מענטש איז ערנסט און האַרב מיט זיך אַליין,
ער געוועלטיקט איבער זיך מיט גרויס השגחה;
ווען אַלע רעיונות און געפילן זיינע
זיינען באַהערשט און צו אים אונטערטעניק;

דאָס אַכצנטע געזאַנג

ווען זיין אינוועלט איז אָנגעפילט מיט שלוה
און אַלע אברים, תנועות און ציטערנישן
ווערן געהאָרכיק זיין ווילן;

ווען דאָס גערויש פון דער וועלט־אַרום,
דער טעם און דאָס וואָרט פון דער צונג,
און דער שימער וואָס בלענדט פאַרן אויג,
קען שוין מער ניט רייצן, צעמישן, פאַרטומלען,
צערודערן און באַאומרואיקן דעם גייסט
אויפשטייגנדיקן אינם אינער־באַוואוסטזיין;

ווען מ׳איז אָפּגעשיידט, אָפּגעקייטלט,
דערווייטערט און באַזונדער
פון אַלדאָס־ערדישע, וועלטלעכע און דרויסיקע
און ווי אַ קינד אין מוטער־טראַכט,
איינגעוויקלט אין די זינגענדיקע שטילקייטן
פון זעלישער התבודדות;

איינצאַמענדיק דאָס לשון, דעם גוף, די מחשבות,
פאַרקלערט און אַריינגעטון מיט פורכטיקייט, עניוות
אין די דערהויבענע געהיימען פון יאָגאַ;

אָפּגעשיידט פון דאָס גופישע,
פונם אויפברויז און צאָרן,
פון בייזקייטן, גדלות, האַרמידער
און פון דער גיריקייט;

אַזוינער, איבערשפּאַנענדיק בשלום
אַלע לויערנדיקע געפאַרן און נסיונות —
איז ראוי צו ווערן פאַראיינט אין ב ר א ה מ אַ ן.

ווערנדיק איינגעזאַפּט אינם אַלהעכסטן,
אינם אייביקן, אומפאַרגיינגלעכן;

דאָס געטלעכע ליד

באַרוט, געליטערט, געהייליקט און דערהויבן,
ניט-פילנדיק קיין עצבות, קיין ספקות,
קיין אָנרעג צו גאַרניט,
אויפנעמענדיק גלייך אַלע
און יעדן איינציקן וועזן —
ער איז מיר ליב און נאָענט.

מ י ר זיך איבערענטפערן,
מ י ר זיך אָפּגעבן,
מ י ר זיך ווידמען,
פּאַר מ י ר זיך אויפאָפּפּערן מיט חדוה,
ליבשאַפט, דבקות און בטחון —
הייסט קענען מ י ך, הייסט וויסן מיין ז י י ן,
זען און באַנעמען דעם אמת וואָס איך בין.

האָבנדיק די-אָ דערקענטשאַפט,
צעפאַלט די מחיצה וואָס פאַרשטעלט מיך
און אַזוי קומט מען אַריין אין מיין הייליקייט,
אין מיין ליכטיקייט, אין מיין אייניקייט,
וואָס דאָס איז די טבע פון מיין ז י י ן.

אַלץ וואָס ער טוט אין גוף, אין האַרץ,
אין געמיט, אין געדאַנק —
איז אַ לויב, אַ געזאַנג, אַ געשאַנק,
פון טריישאַפט אָן פּניות, צו מ י ר.

אויף אים רוט מיין חסד, מיין אומשטערבלעכקייט,
מיין אַלוויסן, מיין חן און דערבאַרעם
און אויסגעשפּרייט איז איבער אים,
אין אים, אַרום אים
די קיינמאָל ניט-צערודערטע לויטערקייטן פון שלוה,
די קדושה פון דעם וואָס איז א י י ב י ק.

דאָס אָכצנטע געזאַנג

אָפּפערן מיר יעדע מי און מעשה
מיט דער השגחה פון יאָגאַ איבער זיך,
זיך מתכוון זיין אין מיר און באַנעמען נאָר מיר,
וועסטו מיט מיין גענאָד
איבערקומען אַלע שטרויכלען.

אויב אָבער צוליב אייגנזיכטיקייט
ווילסטו ניט אויפנעמען מיינע רייד, די דאָזיקע,
וועסטו אומקומען און ווערן אָפּגעווישט אָן אַ תקומה.

אויב, טראַכטנדיק פון ספקות, פון עצבות,
וועסטו זוכן אויסצומיידן דיין התחייבות
און זיך לייכטזיניק זאָגן: „איך וויל ניט קריגן!"
וועט עס דיר ניט העלפן
און דו קענסט עס ניט איבערלאָזן,
ווייל דיין אייגן געמיט וועט דיך צוריקטרייבן.

אַ זון פון קונטי, זייענדיק געבונדן צו קאַרמאַ
פון וועלכער דו ביזט די סיבה,
קענסטו פון זיך ניט אַנטלויפן
און קיינער קען דיר אויך ניט פאַרבייטן.

דיין עול איז עס און נאָר ד ו א ל י י ן
קענסט זיך פון־דעם באַפרייען
און אויך פון דיינע אָנגעזאַמלטע חובות;
ווייל זאָלסטו עס אַפילו וועלן,
קענסטו עס ניט פאַרבייגיין
און ניט דו קענסט זיך פון־דעם אויסבאַהאַלטן.

גאָט איז אין האַרץ פון אַלע ברואים, אַ אַרזשונאַ,
ער שפּינט זיי רונד און רונד אין דער ראָד
פון זיין אויסגעחלומטער מ אַ י אַ ,
ווי ליים אין ראָד פון אַ טעפּער.

דאָס געטלעכע ליד

פאַרלאָז די ווערטער פון ווידערהאַלטע שפּרוכן,
די פייערלעכע אָפּריכטונגען פון ריטואַלן
און זוך דיין אַנטרינונג אין א י ם
מיט גאָר דיין האַרץ, דיין געמיט און וועזן;
געפין אין א י ם דיין שוץ און דיין זיכערקייט,
אַ אַרזשונאַ, דיין חסד, דיין גליק, דיין מנוחה,
אַזוי וועסטו קומען צום תכלית —
די פולקייט, דערלייזונג און שלמות,
די העכסטע מדרגה.

איך האָב אַנטפּלעקט פאַר דיר די חכמה
וואָס איז געהיימער פון אַלע געהיימען,
סודות׳דיקער פון אַלע סודות.

פאַרטיף דיך אין־דעם מיט דיין נשמה
צו פילן עס, קענען עס, באַלעבן עס;
זיפּ דיך אַריין אין די זילבן, קלאַנגען און עכאָס
פון מיינע אויסגעאָטעמטע פאַרטרוילעכע ווערטער,
פאַראייגן זיי און טו וואָס דו דאַרפסט טוען,
ווי דאָס האַרץ וועט דיך הייסן.

דאָס זענען די לעצטע ווערטער שוין
וואָס דו וועסט פון מיר הערן
און דער אמת פון די אמתן.

גיב מיר דיין האַרץ, דיין געמיט,
דיינע מחשבות, די כוונות דיינע
און געטרויע מיר.

מ י ך אַליין, דעם א י י נ א י י נ צ י ק ן
זאָלסטו גרויסן, דינען און פאַרהערלעכן
געוואַגט און מוטיק, מיט פריידיקע כוחות
אַרויסגעקוואַלטע פון אינער־התלהבות,

דאָס אַכצנטע געזאַנג

פון אויפגעגאַנגענע גרויסע ליכטיקייטן
און מיט פורכטיקייט, הכנעה זאָלסטו פאַלן
אויף דיין פנים פאַר מיין מעכטיקייט.

אַזוי־נאָר וועסטו מיך געפינען,
דערקענען און צו מיר אָנקומען;
דאָס זאָג איך דיר צו מיטן וואָרט
וואָס איז ליבשאַפט, וואָס ענדערט זיך ניט
און וואָס ווערט ניט פאַרגעסן,
וואָס איז דער חותם
פונם א ו מ פ א ר ג י י נ ג ל ע כ ן.

אין מיין נאָמען אַליין זאָלסטו זיך מיען,
אין דער ליכט פון מיין הייליקייט
זאָלסטו זיך איינוויקלען
און באַהאַלטן זאָלסטו זיך אין־מיר,
וואָס איז דאָס אָרט פון דיין אָנטרינונג,
דיין רו און דיין זיכערקייט.

שרעק דיך פאַר גאָרניט, פאַר קיינעם, אַ אַרזשונאַ,
ווייל א י ך הויער איבער דיר, וואַך און היט דיך
און וועל דיך מציל־זיין פון דיין קאַרמאַ.

רעד ניט פון די־אָ הייליקייטן
מיט איינעם וואָס איז ניט ראוי,
וואָס ווייסט ניט פון נזירות,
וואָס איז ניט ריין און אָפגעהיט
און פילט זיך ניט באַגייסטערט.

זאָלסט אויך ניט רעדן מיט אַזוינעם
וואָס איז ניט וויליק צו הערן
און זיי געוואָרנט מיטן וואָרט
פאַר דעם וואָס איז מחלל מיין נאָמען.

דאָס געטלעכע ליד

דער אָבער וואָס איז מיר טריי
מיט אומפאַרצאַמטער ליבשאַפט
און וואָס צינדט אין פינצטערע נשמות
דאָס פייער פון גלויבן און האָפנונג,
וואָס לערנט מיט די וויליקע דעם אמת
פון מיין ליד אַלהעכסטע די ג י ט אַ,
אַזוינער וועט אָן ספק מיך דערקענען;
ער וועט קומען צו מיר
און אויפגערעכט ווערן אויף אייביק.

קיין מער הייליקן אָפּפער און דערהויבענע תפילה
קען מיר קיינער־ניט ווידמען
און קיינער־ניט אין דער וועלט
איז מיר נעענטער און ליבער.

ווער ס׳וועט זיך אַריינטראַכטן
אין די דאָזיקע דערהויבענע שמועסן,
וועל איך עס אָננעמען ווי אַ דערנעענונג צו מיר,
אַ באַהעפטונג אין מיר, אַ צענויפגוס מיט מיר.

דאָס וועט זיין פאַר מיר די ליד פון די ספערן
וואָס פלאַטערט פאַרבענקט פון די טיפענישן
צו מיין געטלעך־דערהויבענעם משכן,
וואָס נעמט אויף אַלע הייליקע געזאַנגען.

אויסהערנדיק בלויז מיט אמונה, באַגערשאַפט
און יראת־הכבוד די עכאָס פון די ווערטער,
ניט צווייפלענדיק אין זייער וואָרהאַפטיקייט,
וועט עס ברייענגען דערלייזונג פון זינד און עצבות
און דערנעענען וועט עס איינעם
צו די ליכטיקע און גערעכטע
אין באַהויכטע שיינענדיקע וועלטן.

האָסטו אויפגענומען, אָ אַרזשונאַ, מיט אַלע חושים
און אויסגעהערט מיט דורשטיקייט די געזאַנגען?
האָבן זיי פאַריאָגט פון דיר די נעפּלען פון ניט-וויסן?
אָ בעסטער פון די בהאַראַטאַס.

אַרזשונאַ:

אָפּגעשטעלט האָט זיך מיין צעמישונג
און צערונען זענען די נעפּלען פון מיין ניט-וויסן.

דורך דיין געטלעכן חסד, אָ אומפאַרענדבאַרער,
האָב איך געלערנט דאָס גרויסע וויסן
און האָב מער ניט קיין ספקות,
ניט קיין צער און אומעט.

מיין רצון איז פעסט און זיכער
און טוען וועל איך טוען ווי דו הייסט מיר.

סאַנזשאַיאַ:

געווען בין איך עדות און פאַרנומען האָב איך
די וואונדערלעך-פּלאים׳דיקע שמועסן
וואָס איז געווען אַ געזאַנג צווישן וואַסודעוואַ,
דעם האַר קרישנאַ און דעם פּרינץ פון בהאַראַטאַ,
אַזש מיינע האַר האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַר אימה.

ניט מיט מיין גופישן אויער האָב איך אויסגעהערט
די דאָזיקע געטלעכע ווערטער,
נאָר מיטן חסד פון וויאַסאַ האָב איך פאַרנומען
די סודות פון דער הויכער יאָגאַ,
דורך די ליפּן פונם העכסטן מאַהאַטמאַ
פון יאָגים, דער האַר קרישנאַ,
דערקלערנדיק עס אין מיין אַנזיכט.

דאָס געטלעכע ליד

אָ קעניג, געדענקענדיק און דערמאָנענדיק
דאָס וואונדערלעך־וואונדערלעכע ליד
וואָס איז אויסגעזונגען געוואָרן אין שמועסן
צווישן קעשאַוואַ און זיין תלמיד אַרזשונאַ,
ווער איך אָנגעפילט נאָכאַמאָל און ווידער
מיט אומגעהייער גליק.

נאָכאַמאָל און ווידער, אָ קעניג,
מאַכט עס מיך גליקלעך, דערמאָנענדיק
און געדענקענדיק דעם שיינענדיקן
צעבלענדעטן פורעם וואָס ע ר,
דער געאָכפּערטער האַר האָט אָנגענומען.

דאָרט וואו סע געפינט זיך סרי קרישנאַ
און אַרזשונאַ, דער מעכטיקער שלאַכטמאַן,
בין איך זיכער איז דאָ חסד, שלום, נצחון,
מנוחה און שפע, אַזוי גלויב איך.

דאָ ענדיקט זיך דאָס געטלעכע ליד
בהאַגאַוואַד־גיטאַ, וואו עס ווערט
אויסגעזונגען דורכן געבענטשטן
קרישנאַ אין גאָר־הויכע רייד
דאָס בראַהמאַ־וויסן
צו אַרזשונאַ

ש ל ו ם